STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04932

DI VEBER

Gerhart Hauptmann

Permanent preservation of this book was made possible
by Arthur S. Abramson
in memory of
Jacob & Guta Rywka (Meklemburg) Rogalsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הילפס-פערבאַנד דער פּוילישען סאָצ. פּאַרטײ.

דיא װעבער,

דראַמאַ אין 5 אַקטען,

—פון—

גערהארד האַופּטמאַן.

איבערזעצט פון

יעקב מילך.

Copyright by the Translater, 1905.

ארויסגעגעבען פון
הילפס-פערבאַנד דער פוילישען סאָצ. פּארטײ,
ניו יאָרק,
1905.

מיין פאַטער ראָבערט הויפּטמאַן ווידמע איך דיעזע דראמאַ.

ווען איך ווידמע דיעזע דראמא צו דיר, ליעבער פאַטער, זאַ געשיהט עס אוים געפיהלע, וועלכע דו קענסט גאַנץ גוט און וועלכע ס'איז ניט נויטיג אויף דיעזען פּלאַץ ארויסצושרייבען.

דיין ערצעהלונג וועגען זיידען, וועלכער איז אין דיא יונגע יאהרען, אַלס ארמער וועבער, געזעסען ביי דעם וועב שטוהל, וויא דיא וועלכע איך האָב דאָ געשילדערט, איז געוואָרען דער זאַ־מען פאר דיעזע דיכטונג; און צו זיא איז לעבענסקרעפטיג, צו אַבי־סעל צוגעפוילט אין מיטען, זיא איז יעדענפאלס דאָס בעסטע וואס „אַזאַ אַרימער מאַן וויא האַמלעט איז" קען געבען.

דיין גערהאַרט.

פאררעדע פון איבערזעצער

עס איז אונמעגליך אין דיזע פאררעדע אפילו נור אין קורצען אנצודייטען אויף דיא גרויסקייט פון דיא דראמא, וועלכע ווערט דא ארויסגעגעבען אויף אידיש. איך האף, אז יעמאנד פון דיא אידישע שרייבער וועט זיך בענוטצען מיט דיא געלעגענהייט פון דעם ערשיינונג פון „דיא וועבער" אין אידיש, דעם אידישען לעזע פובליקום אנצואווייזען וואס פאר א ווערק „די וועבער" איז, און וואסער בעדייטונג עס האט אין דער וועלט ליטעראטור.

איך וויל דא נור זאגען איינינע ווערטער:

נאך מיין מיינונג איז „דיא וועבער" איינע פון דיא גרעסטע דראמאטישע ווערק, אויב ניט דאס גרעסטע, מיט דעם אויסנאהמען אפשר פון געטהע'ס „פאוסט", וואס זיינען געשריבען געווארען אין דעם ניינצענטען יאהרהונדערט. און מערקווירדיג! דיזע געוואלדיגע דראמא מיט אלל איהר גרויסקייט און שעהנהייט איז גענומען געווארען פון אזא לעבען, וועלכעס מענשען זיינען געוואהנט צו בעטראכטען אלס דאס נידריגסטע, אלס דאס אונאינטערעסאנטעסטע, אלס דאס איינפאכסטע און גרעבסטע, דאס לעבען פון דיא נידריגסטע און נידערגעשלאגענסטע ארבייטער, דיא וועבער.

פון האופטמאן'ס ווידמונג צו זיין פאטער קען דער לעזער זעהן, אז האופטמאן'ס זיידע איז אליין געוועזן א וועבער, און אז זיין פאטער האט איהם דערציילט דיא אלע פאסירונגען, וויא ער האט זיי

געהעריט פון זיין פאטער. און ווען איהר וועט לעזען דיא געשיכטע פון דעם וועבער אויפשטאנד אין דייטשלאנד, וועט איהר זעהען, אז אין „דיא וועבער“ איז נאך ניט דא איין וויכטיגער מאמענט, וועלכער האט ניט ווירקליך פאסירט.

אויבערפלעכליך הייסט עס איז אין דעם ווערק געשילדערט דאס לעבען פון דיא וועבער, עס איז אבער קוים דא איין פאזע פון דעם יעצטיגען געזעלשאפטליכען לעבען, וועלכע איז ניט בעריהרט ביז צים ווארצעל אין דיזע דראמא : איהר האט פאר אלעם דעם קאפיטאליסט דרייסיגער מיט זיין גרויזאמקייט און מיט זיינע זיסע ריידלעך, — מיט זיין הויט־שינדעריי און צדקה־געבעריי, מיט זיין פעראכטען דיא ארבייטער און דאך וועלען ביי זיי אויסנעמען; איהר געפינט דארט דיא ראללע פון דיא פרעססע, דיא עובדא פון פאליציי און מיליטער, דיא בעלי־טובות, דיא מיטעל־קלאססע, דיא אינטעליגענציע, דאס לומפען פראלעטאריאט, דיא אפפיציעלע רעליגיאנס פערטרעטער און דיא רעליגיאן, מיט איין ווארט איהר קענט קוים דענקען פון וועלכען עס איז פונקט אין דעם יעצטיגען עפענטליכען לעבען וואס איז ניט בעריהרט אין „דיא וועבער“.

„דיא וועבער“ צייכנען זיך אייגענטליך אויס מיט דעם, וואס דארט איז ניטא קיין איינצעלנער העלד, וויא עס איז דיא מאדע אין דיא דראמע שרייבעריי. דער הויפט העלד אין „דיא וועבער“ איז ניט דיזע אדער יענע פערזאן נור דיא גאנצע מאססע, דער מאססען־עלענד, דיא מאססען־האנדלונג, דער מאססען־אויפשטאנד, דיא מאססען־העלדישקייט און דיא מאססען־פסיכאלאגיע איז דער „העלד“ פון „דיא וועבער“, דער איינצעלנער שפיעלט דא גאר קיין ראלע ניט, און דאך וואסערע מערקווירדיגע בילדער, וואסערע אויסגעצייכענטע טיעפע, וואסערע טיעפע פסיכאלאגישע שילדערונג גיט אונז האופטמאן פון דיא איינצעלנע פערזאנען!

דיא וועבער זיינען גאנץ פראסטע, רויהע, אונגעבילדעטע, פערהארעוועטע, אויסגעהונגערטע און גראבע מענשען, איהר זעהט זיי אין א צייט פון אן אונבעוואוסטען און אונארגאניזירטען אויפשטאנד זיי ראבעווען, ברעכען, שטעכען און פערניכטען

IV.

דאָך זויפיעל גוטמוטהיגקייט, געלאַסענקייט, אָפּפערווילינקייט און העלדענמוטה געפינט איהר ביי זיי.

נעהמט צום ביישפּיעל דעם אַלטען הילזע, ער שפּיעלט אין דיא דראמא א גאנץ קליינע ראָלע, איהר זעהט זיך מיט איהם נור עטליכע מינוטען אין דעם לעצטען אַקט. זיין בילד קענט איהר אָבער לאַנג ניט פערגעסען און דאָס ליכט וואָס ער ווארפט אויף דיא גאַנצע דראמא, אָדער בעסער אויף דעם גאַנצען לעבען, איז אַזוי הערליך, אַזוי פּאַקענד, אַזוי בעלעהרענד און צו דער זעלבער צייט אזוי ריהרענד, אַז איהר קענט זיך קוים פון איהם אָברייסען. „איך זאָג דיר גאָטטליעב ! זאָגט דער אַלטער הילזע צו זיין זוהן, „צווייפעל ניט אין דעם איינאיינציגען, וואָס מיר אָרמע לייטע האָבען. פאַר וואָס וואָלט איך דען דאָ געזעסען, און געקוועטשט דאָס בענקעל איבער פיערציג יאָהר ? און רוהיג צוגעזעהען וויא דאָרט דעריבער לעבען זיי אין וואָהלטאָג און שלאָגען גאָלד פון מיין הונגער און צרות. פאַר וואָס דען ? וויל איך האָב אַ האָפפנונג, איך האָב אַ טרייסט אין מיין נויט (דורכ'ן פענסטער ווייזענדיג) דוא האָסט דאָ דיין עולם הזה — איך האָב יענע וועלט, און איך האָב זיך געלאָזט ראַבעווען. — איך בין זיכער אין דעם, מען האָט'ס אונז צוגעזאָגט. ס'איז דאָ א משפּט : אָבער ניט מיר זיינען דיא ריכטער, זאָנדערן, לי הנקמה, נקמה געהערט צו מיר, זאָגט גאָט אונזער גאָט ! אָט האָט איהר אין עטליכע איינפאכע, אונגעקינצעלטע ווערטער, דעם גאנצען העלדענמוטה פון דער רעליגיאָן, דעם געגאַטיווען העלדענמוטה, דעם העלדענמוטה פון שטילען ליידען און פערטראגען ; אָט האָט איהר דעם מקור פון אונגעצעהלטע צרות און ליידען, פון אומגליק און אונטערדריקונג. דאָס ליידען ניט פון הילזע, דאָס ליידען פון דיא גרעסטע טהייל פון דער מענשהייט, וויל „עס איז דאָ אַ משפּט. נור ניט מיר זיינען דיא ריכטער“. און מיינט ניט, אַז דיעזער הילזע איז עפּעס א פייגלינג, אָ ניין ! ער האָט זיין בלוט פערגאָסען פאר זיין פאַטערלאַנד, אַ „קויל וויא א פינגערהוט איז געזעסען אין זיין ברוסט, און וויא ער האָט אַ האַנד פערלוירען, דאָס ווייס דער קייזער“... „מורא האָבען ?“ זאָגט ער, „פאר וועמען דען מורא האָבען“ אפילו, אַז מען דאַרף שטאַרבען, האָט ער אויף

V.

ניט קיין מורא, „אָבער דאַן, גאָטטליעב! דאַן קומט עטוואָס, און אַז מען האָט דאָס אויך פערלוירען איז אַלעס פערשפּיעלט“. פון דעם איינפשטאַנד וויל ער ניט הערען, ניט ער וועט זיך אריינלאָזען אין אזעלכע גאָטלאָזע טהאַטען, „דאָ שטעקט דער טייוועל אין דעם, דאָס איז דעם שטן׳ס ארבייט“, פון דעסטוועגען ווען דיא וועבער הערען איהם ניט און געהן אוועק, שטעלט ער זיך מתפּלל זיין צו גאָט פאַר זיינע ברידער, דיא ארימע וועבער.

זיין שנור לאויזע איז פונקט דער היפּך פון איהם. זיא איז אויך אַ גאָטספורכטיגע פרוי, זיא בעלאַנגט אָבער צו דיא קלאַססע מענשען וואָס ליידען אַלעס און פערטראָגען אַלעס ביז אַ צייט, ביז דיא געלעגענהייט קומט, ווען אָבער דיא געלעגענהייט קומט, וויי־סען זיי קיינע גרענצען. אין דיא דראַמע שפּיעלט זיא נאָך אַ קלע־נערע ראָלע פון הילזע, זיא רעדט נור אַ פּאָאָר ווערטער (וואָס זיא טהוט זעהט מען ניט) אָבער דיא ווערטער עפענען פאַר אייך אַ וועלט מיט געדאַנקען און געפיהלען.

לאויזע. (איבערוועלטיגט פון אַ ליידענשאַפטליכע אויפרעגונג) יא, יא, גאָטטליעב, דוא בעהאַלט זיך אונטערען אויוועז, נעהם דיר אַ לעפעל אין דער האַנד אריין און אַ שיסעל מאַסלינקע צווישען דיא פיס, טהו זיך אָן אַ רעקעל און זאָג תהלים, דאָס וועט געפעלען דעם טאַטען — און דאָס וויל זיין אַ מאַן.

דער אַלטער הילזע (טרייסעלט זיך פון אונטערדריקטען כעס) און דוא ווילסט זיין א׳ן אָרענטליכע פרוי? לאָמיך דיר אַמאָל זאָגען, דוא ווילסט זיין אַ מאַמע, און דוא האָסט אַזאַ בייז מויל, דוא ווילסט דיין מיידעל געבען ערציהונג און דוא העצט אויף דיין מאַן צו פערברעכען און שענדליכקייט.

לאויזע. (ווילד) מיט אייערע פרומע רייד.... דאפון איז מיר נאָך אַמאָל אַ קינד ניט זאַט געוואָרען, פון דעם זיינען זיי אַללע פיער געלעגען אין מיסט און אין שמאַטעס. פון דעם ווערט ניט אַמאָל אַ ווינדעלע טרוקען. איך וויל זיין אַ מאַמע, דאָס זאָלט איהר וויסען! און טאַקע צוליעב דעם, דאָס זאָלט איהר וויסען, ווינש איך אַ מגפה זאָל קומען אויף אַלע פאַבריקאַנטען, זיי זאָלען קיין מאָל פון גהינם ניט אַרויס, טאַקע, ווייל איך וויל זיין אַ מאַמע......

VI.

זאָל עס זיך נור דאָ אָנהויבען — צעהן פערד וועלען מיך ניט אָבּ־האַלטען.

מאַכען פּרושים אויף דיזען, הייסט אָבשוואַכען זייער ווירקונג, איך האָב נור ארויסגעכאַפּט אייניגע ביישפּיעלע אום צו געבען דעם אונגעשולטען לעזער א בעגריף פון דעם וואָס ער האָט צו זיכען אין דיעזער דראַמא, און וויא געזאגט, איך האָף אַז מאַנכער אידישער שרייבער וועט זיך בענוטצען מיט דיא געלעגענהייט צו מאַכען דעם ריכטיגען פּרוש אויף „דיא וועבער“.

וויא אזוי דיא איבערזעטצונג איז געמאַכט, דאָס מוז איך נאַטירליך איבערלאָזען פאַר אַנדערע אורטהיילען, איך וויל נור זאָגען, אַז איך האָב דאַביי געאַרבייט בדחילה ורחימה, איך האָב זיך געסטאַרעט צו זיין אזוי געטריי צו האופּטמאַן וויא נור מעגליך.

י. מ.

פערזאנען אין ערשטען אקט:

פאבריקאנטען גרופפע:

דרייסיגער. באַרכענט־פאבריקאנט

פייפער, עקספעדיטער
ניימאן, קאסירער
א לעהר אינגעל

} ביי דרייסיגער.

וועבער גרופע:

בעקער.
דער אלטער באומערט.
ריימאן.
הייבער.
ערשטער וועבער.
ערשטע וועבערין.
איין אלטער וועבער.
א אינגעל.

אז אנצאהל וועבער און וועבערינס.

ערשטער אקט.

איין גרויס, גרוי־געטינקט צימער אין דרייסיגער'ס הויז, אין פעטערסוואלד, דער פלאץ וואו דיא וועבער ברייגגען אב זייער פארטיגע ארבייט. לינקס זיינען פענסטער און פארהאנגען, אין דער הינטערוואנד איין גלעזערנע טיהר, רעכטס ווידער אזא גלעזערנע טיהר דורך וועלכע דיא וועבער, מענער, פרויען און קינדער האלטען אין אייז אריין און ארויסגעהן. דיא וועגט זיינען מייסטען בעדעקט מיט הילצערנע פאכען פאר דעם בארכענט. אין דיא לענג פון דיא רעכטע וואנד ציהט זיך א באנק אויף וועלכע דיא אנגעקומענע וועבער צולייגען זייער סחורה. און איין'ס נאך ס'אנדערע געהען זיי צו און גיבען דיא סחורה צום איבערזעהען. דער עקספעדיטאר פייפער שטייט אונטער א גרויסען טיש, אויף וועלכען דיא וועבער לייגען זייער ארבייט צום איבערקוקען. ביי דיעזע ארבייט בענוצט ער זיך מיט א צירקעל און א פערדגרעסער־גלאז. ווען ער ווערט פערטיג מיט דעם איבערזעהען, לייגט דער וועבער דעם בארכענט אויף א וואגשאל און א לערן אינגעל פרובירט דאס געוויכט. דיא צוגענומענע סחורה לייגט דאס זעלבע אינגעל אויף

איינע פון דיא פאַכען. דיא סוממע וואָס מען דאַרף בעצאָהלען פאַר דיא אַרבייט, שרייט דער עקספעדיטאָר פויפער יעדעס מאָל אויס אויפ'ן קול צו דעם קאַסירער נײמאַן וועלכער זיצט בײ אַ קליין טישעל. ס'איז ענדע מאַי. אַ דושנער טאָג, דער זייגער ווייזט צוועלף. דיא מייסטע פון דיא וואַרטענדיגע וועבער זעהן אויס וויא מענשען וואָס שטעהען פאַר אַ געריכט, וואו זיי ערוואַרטען מיט ווייטאָגדיגע אונגעדולד אַן אור־טהייל איבער טויט און לעבען. אויף אַלעמען זעהט זיך עפּעס אַ מין אויסדרוק, וועלכען מען קען נור זעהן בײ דעם בעטלער וואָס, פיהלענ־דיג אַז ער דאַרף זיך מאַכען שפל, איז געוואָהנט זיך צו האַלטען אַזוי נידעריג וויא מעגליך. דאַצו קומט נאָך א שטייפער, אויסדרוקלאָזער, פּײניגענדער צוג אין יעדענס מינע. דיא מענער, איינער צום אַנדערן עהנליך, האַלבע קאַרליקעס, זיינען מייסטענס פלאַך־ברוסטיגע, הוסטענ־דיגע, אַרמזעליגע מענשען מיט אַ שמוטציג־בלאַסע פאַרב: בעשעפעני־סען פון דער וועב־שטוהל, מיט אויסגעקרימטע קניען פון צו פיעל זיצען. דיא פרויען זייערע צייגען אויף דעם ערשטען בליק ווייניגער טיפּישעס אַרויס. זיי זיינען שוואַכע, אויסגעצעהרטע און אויסגעהאָ־רעוועטע, וועהרענד דיא מענער צייגען נאָך אַרויס אַ קלעגליכע שטאָלצ־קייט. זיי זיינען געקליידעט אין צוריסענע שמאַטעס, וועהרענד דיא מענער זיינען נאָך אַ ביסעל אויסגעצירעוועט. דיא יונגע מיידלעך זײ־נען צייטענווייז ניט אָהן חן, אָבער דיזע האָבען אַ וועקסענע בלאַס־קייט, צאַרטע פאָרמען און גרויסע, אויסגעגלאָצטע, מעלאַנכאָלישע אויגען.

קאַסירער נײמאַן. (ציילענדיג געלד) בלייבט זעכצעהן זילבער גראָשען און צוויי פעניג.

ערשטע וועבערין. (דרייסיג יעהריגע פרוי, זעהר אויסגעצערט, נעמט דאָס געלד צוזאַמען מיט ציטעריגע הענד) דאַנק אייך זעהר.

נײמאַן. (ווייל דיא פרוי געהט ניט אַוועק) נו, שטימט שוין ווידער ניט?

ערשטע וועבערין. (מיט בעטענדיגע מינע) אַ פּאָר פעניג פאַראויס וואָלט איך אַזוי נייטיג בעדאַרפט.

נײמאַן. איך דאַרף נייטיג אַ פּאָר הונדערט טאָלער.

ווען עס זאָל זיך נור ווענדען אין דעם, וואָס מען דאַרף נייטיג (בעשעפטיגט זיך מיט אויסצאָהלען אַ צווייטען. קורץ:) וועגען פאָר־אויס דאַרף העררָ דרייסיגער אַליין בעשטימען.

ערשטע וועבעריז. קען איך אפשר אַ מאָל מיט העררָ דרייסיגער אַליין רײדען?

עקספּעדיטאָר פייפער. (אַ געוועזענער וועבער. דאָס טיפּישע ליעגט איהם אויפ'ן פּנים. ער איז אָבער גוט אויסגעפּאַשעט, שיין בעקליידעט און גלאַט ראַזירט, ער איז אַ גרויסער טאַבאַק שמעקער. ער שרייט אויס מיט אַ גראָב קול:) העררָ דרייסיגער וואָלט גאָט ווייס וויפיעל ארבייט געהאַט, ווען ער זאָל זיך דאַרפען אָבגעבען מיט יעדער קלייניגקייט. אויף דיזען זיינען מיר דאָ. (ער צירקעלט און קוקט דורך דעם פערגרעסער גלאָז.) וואָס איז דאַרט אַזאַ צוק! (ער וויקעלט זיך אַרום דעם האַלז מיט אַדיקען שאַל) פערמאַכט דאָרט די טיער. ווער קומט דאָס אַריין?

דער לעהרלינג (אויפ'ן קול צו פייפערען) רייד צו זיי איז אַקוראַט וויא ריידען צו קלעצער.

פייפער. נו, היידאַ וויטער! וועגען! (דער וועבער ליעגט דעם בארכענט אויף דיא וואָג.)

פייפער. ווען איהר וואָלט כאָטש אייער פאַך אַ ביסעל בעסער פערשטאַנען. ס'איז דאָך פול מיט טרעפ. מען דאַרף גאָר ניט וויטער קוקען. ביי אַ גוטען וועבער קומט דיא ארבייט גאָר אנדערש ארויס.

בעקער. (קומט אריין. אַ יונגער אויסנאַהמסווייזע שטאַרקער וועבער. זיין בענעהמונג איז גאַנץ פריי, כמעט פרעך. פייפער, ניימאַן און דער לעהרלינג קוקען זיך איינס ס'אַנדערע אָן ביי זיין אריינקומען) צום טייוועל! דאָ קען מען זיך אויסשוויטצען וויא אין אַ שוויטצ־באָד.

ערשטער וועבער. ס'פערנעהמט זיך גאָר אויף אַ רעגען.

דער אַלטער באַומערט. (שטופּט זיך אריין דורך דיא גלעזערנע טיהר רעכטס. הינטער דיא טהיר זעהט מען פיעלע איינ־געקוועטשטע וועבער, וואס ווארטען אויף אריינצוגעהן. דער אַלטער האָט

זיך דורכגעשטופט און האט זיין פאק אוועקגעלייגט אויף דיא באנק נעבען בעקערין. ער זעצט זיך נעבען דעם פאק און ווישט זיך דעם שוויס.) דא פערדיענט מען זיך כשר אבצורוהען.

ב ע ק ע ר. מנוחה איז בעסער וויא א זאק מיט געלד.

ד ע ר א ל ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. א זאק געלד וואלט אויך ניט געשאט, גוט מארגען אייך, בעקער!

ב ע ק ע ר. גוט מארגען אייך, פעטער באומערט. מען מוז ווידערווארטען ווער ווייס וויא לאנג.

ע ר ש ט ע ר ו ו ע ב ע ר. וואס מאכט דען אויס? א וועבער מעג ווארטען א שטונדע אדער א טאג. א וועבער איז אויך א זאך?

פ י י פ ע ר. שווייגט דארט שטיל אונטען. מען קען ניט הערען וואס מען רעדט אליין.

ב ע ק ע ר (שטיל). דאס משוגעת איז איהם שוין היינט ווידער אנגעקומען.

פ י י פ ע ר. (צו דעם וועבער נעבען איהם) וויפיעל מאל האב איך אייך געזאגט, איהר זאלט בעסער פוטצען, ס'ארע פארטאצקע ארבייט איז דאס? דא זיינען דאך קנוילען וויא מיין פינגער לאנג און שטרוי און אלערהאנד פאסקודסטווא.

ל ע ר ז א י נ ג ע ל. (וועגט דעם בארכענט) און צו דער וואג פעהלט אויך.

פ י י פ ע ר. שיינע וועבער האבען מיר דאס. א שאד יעדער פאדים וואס מען גיט ארויס. רבונו של עולם, איז מיינע צייטען האט דאס בעדארפט זיין! מיין מייסטער וואלט דאס מיר אוועקגעגעבען. דעמאלט איז וועבעריי גאר געווען אנאנדער זאך, דעמאלט האט מען בעדארפט זיין א בעל מלאכה, היינט דארף מען דאס שוין ניט. — ניימאן, צעהן זילבער גראשען.

ו ו ע ב ע ר ה י י מ א ן. מען רעכענט דאך אלע מאל אב א פונט וואס ארבייט זיך איין?

פ י י פ ע ר: איך האב קיין צייט, היידא, ווייטער. וואס האט איהר?

ו ו ע ב ע ר ה י י ב.ע ר. (לייגט זיין געוועב ארויף. און אין

דער צייט וואָס פייפער אונטערזוכט גייט ער צו איהם צו, רעדט מיט אַ האַלבען מויל, בעטענדיג זיך אָהן אויפהער) פערצייהען זיי מיר, הער פייפער, איך וואָלט זיי גיטיגס גערען געבעטען, זיי זאָלען אַזוי פריינדליך זיין, זיי זאָלען מיר טהאָן דיא טובה און געפעליגסט היינט ניט אָברעכענען דעם פאָראויס, וואָס איך בין שולדיג.

פ י י פ ע ר. (צירקלענדיג און קוקענדיג. לאַכט) נו, נו, דאָס איז שיין! איהר האָט געמוזט פערגעסען האַלב אויף דעם ווערק־שטאָט?

וו ע ב ע ר ה י י ב ע ר. (רעדט ווייטער וויא פריהער) איך וועל דאָס זעהר גערן אָבאַרבייטען דיא קומענדע וואָך. יענע וואָך האָב איך געמוזט ארבייטען צוויי טעג פאַר פאַנשטשיזנע. דאַצו ליעגט נאָך מיינע קראַנק אין דער היים.

פ י י פ ע ר. (ליעגט דאָס שטיק אויף דיא וואָג) דאָס איז ווידער אַ שטיק פאַרטאַצקע ארבייט (נעהמט אַ נייע שטיק געוועב צום איבערזעהן) אַזאַ מין לאַטעריי. דאָ איז ברייט, דאָ איז שמאָל, דאָ האָט עס זיך איינגעריסען, דאָ האָט עס זיך צוצויגען, אויף איין צאָל קוים זיעבציג פעדים, וואו איז דען דאָס איבריגע? וואו איז דיא עהרליכקייט? יא, יא, דאָס געפעלט מיר!

וו ע ב ע ר ה י י ב ע ר. (אונטערדריקט דיא טרערען, שטייט דעמוטיג און הילפלאָז.)

ב ע ק ע ר. (מיט אַ האַלב קול צו באומערט'ן) מען וואָלט איהם נאָך בעדאַרפט צוקויפען פאָדעם, דעם ממזר.

ע ר ש ט ע וו ע ב ע ר פ ר ו י. (וועלכע האָט זיך נור אַבי־סעל אָבגערוקט פון'ם קאַססע טיש, און האָט זיך פון צייט צו צייט אומ־געקוקט מיט אַ רחמנות'דיגען פנים, ניט ריהרענדיג זיך פון אָרט, מאַכט זיך האַרץ און ווענדעט זיך נאָך אַ מאָל צום קאַסירער בעטענדיג). איך וועל באַלד קענען... איך ווייס גאָר ניט, ווען זיי וועלען מיר ניט דאָס מאָל געבען אין פאָראויס... אַ גאָט, ליעבער גאָט...

פ י י פ ע ר. (שרייט אַריבער) לאָזט נאָר גאָט צופריעדען. איהר זייט געוועהנליך ניט קיין גרויסע מחותנים מיט גאָט, גיט ליעבער אַכטונג אויף אייער מאַן, ער זאָל ניט אַזוי פיעל זיצען אין קרעצמע. מיר מוזען אָבגע־

בען רעכנונג. ס'איז ניט אונזער געלד. מען פערלאַנגט עס פון אונז. ווער ס'איז פלייסיג און פערשטעהט זיין ארבייט, און טהוט זיין ארבייט וויא גאָט האָט געבאָטען, דער בעדאַרף ניט קיין פּאַראָוים בעצאָהלט. היידא, ווייטער.

נ י י מ א ן. און ווען א בילאָווער וועבער קריעגט פיער מאָל אזוי פיעל בעצאָהלט, פער'שיכור'ט ער פיער מאָל אזוי פיעל, און מאַכט נאָך חובות.

ע ר ש ט ע ו ו ע ב ע ר י ן. (הויך, אַפּפּעלירענדיג צו דעם גערעכטיגקייטס-געפיהל פון דיא אַנוועזענדע.) איך בין געווים קיין מאָל ניט פויל, איך קען דאָס אָבער שוין מעהר ניט אויסהאַלטען. צוויי מאָל האָט זיך מיר דאָך געלאָזען דאָס בלוט, און מיין מאַן, פון איהם איז דאָך שוין האַלב געבליעבען. ער האָט שוין אַלעם איבערגעטאָן, אָבער עס העלפט... מיט געוואַלט קען מען דאָך ניט נעמען. מיר אַרבייטען געווים אויף וואָס מיר פערדיענען. איך האָב שוין פיעלע וואָכען קיין אויג ניט צוגעמאַכט. עס וועט שוין א ודאי בעסער ווערען, ווען איך זאָל נאָר קענען דאָס שוואַכקייט פערטרייבען, אָבער זיי מוזען דאָך האָבען איינזעהען (בעט שמייכ-לענדיג) האָט דאָך רחמנות און גיט מיר כאָטש עטליכע גראָשען אין פאָראויס.

פ י י פ ע ר. (גאַנץ אונגעשטערט) פיעדלער, עלף זילבער גראָשען.

ע ר ש ט ע ו ו ע ב ע ר י ן. כאָטש א פּאָר גראָשען, עס זאָל זיין גענוג אויף ברויט. דער קרעמער געטרויט שוין ניט מעהר, מען האָט א פולע שטוב מיט קינדער...

נ י י מ א ן. (מיט אַ האַלבען קול און קאָמישען ערנסט צום לעהרען אינגעל) דיא וועבער האָבען אַלע יאָהר א קינד, אַלע ווײלע, אַלע ווײלע, פוף, פוף, פוף.

ר י י מ א ן. (טשעפּעט ניט דאָס געלד וואָס דער קאַסירער האָט איהם אויסגעצאָהלט) מיר האָבען דאָך אימער געקריגען צוועלף און א האַלב גראָשען פאַר א געוועב?

פ י י פ ע ר. (שרייט אַריבער) ווען עס געפעלט אייך ניט, ריימאַן, דאַרפט איהר נאָר זאָגען איין וואָרט, ס'איז פאַראַן גענוג

וועבער. גאַנצע בערג אַזעלכע וויא איהר. פאַר אַ פולע וואָג קריגט מען פול בעצאָהלט.

וועבער רײמאַן. זאָל דאָ פעהלען צו דיא וואָג...

פײפער. ברענגט באַרכענט אָהן פעהלערן, וועט פון דעם בעצאָהלט אויך ניט פעהלען.

וועבער רײמאַן. אז דאָס דאָ זאָל האָבען אַזוי פיעל פעהלערן, דאָס קען דאָך גאָר ניט מעגליך זײן.

פײפער. (איבערקוקענדיג) ווער גוט וועבט, דער גוט לעבט.

וועבער הײבער. (שטײט דיא גאַנצע צײט נעבען פײפער׳ן אום צו פאַקען אַ גינסטיגען אויגענבליק. שמײכעלט צו צו פײפער׳ס חכמה, נו, גײט ער צו נעהנטער און הײבט ווידער אָן וויא דאָס ערשטע מאָל) איך וואָלט זײ וועלען בעטען, הערר פײפער, אויב זײ וואָלטען פיללײכט וועלען אַזוי באַרמהערציג זײן און מיר דאָס מאָל ניט אָברעכענען דעם פאָראויס. מײנע ליעגט שוין פון פסח אָן פערקרימט אין בעט, זיא קען מיר קײן שטאָך ארבײט ניט פער־ריכטען, מוז איך בעצאָהלען אַ שפול־מײדעל. דעריבער...

פײפער. (שמעקט טאַבאַק) הײבער, איך האָב ניט נאָר אײך אַלײן. דיא אַנדערע ווילען אויך אַ געלעגענהײט.

וועבער רײמאַן. וואָסער גאַרן איך האָב געקרי־גען אַזעלכען האָב איך אויסגעוועבט. קײן בעסערען גאַרן וויא איך האָב געקראָגען, קען איך ניט צוריק ברײנגען.

פײפער. ווען עס געפעלט אײך ניט, דאַרפט איהר מעהר קײן גאַרן ניט נעמען. מיר האָבען גענוג לײטע וואָס שלאָגען זיך אָב דיא פיס לויפענדיג, אַבי זײ זאָלען דאָס נור בעקומען.

נײמאַן. (צו רײמאַן) ווילט איהר דאָס געלד ניט נעמען?

וועבער רײמאַן. איך קען מיך מיט דיזען געלד ניט צופרידען שטעלען.

נײמאַן. (קימערט זיך מעהר ניט וועגען רײמאַן) הײבער, צעהן זילבער גראָשען. געהט אַראָב פינף פאָראויס, בלײבט פינף זילבער גראָשען.

וועבער הײבער. (געהט צו, קוקט אויף דעם געלד,

שטעהט, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ וויא ער קען זיך גאָר ניט גלויבען. און נעמט דאָס געלד געלאָסען צוזאַמען) אָה, גאָט, גאָט (זיפצט) נו, יאָ. יאָ.

דער אַלטער באָומערט. (קוקט הייבער'ן אין פּנים אַריין) יאָ, יאָ, פּראַנטץ, דאָ קען מען שוין אַ מאָל אַ זיפץ טאָן.

וועבער הייבער. (קוים וואָס ער רעדט.) בערעבכען, איז דער היים ליעגט מיר אַ מיידעל קראַנק, איך וואָלט דאָך גע־קענט קויפען אַ פלעשעל מעדיצין.

דער אַלטער באָומערט. וואָס פעהלט איהר?

וועבער הייבער. פון קליינווייז אויף איז זיא אַ שטיק צרה... פרעג מיך בחרם... נו, דיר מעג איך דאָך זאָגען: — זיא איז מיט דעם געבוירען געוואָרען. עפּעס אַזאַ מין אויסשלאַג, אונ־ריין בלוט... פון קאָפּ ביז דיא פיס איז זיא בעדעקט.

דער אַלטער באָומערט. יעדער האָט זיין צרה. וואו דער דלות כאַפּט זיך אַריין, קומט שוין אומגליק נאָך אומ־גליק. דאָ איז שוין קיין מנוחה און קיין הילף ניטאָ.

וועבער הייבער. וואָס טראַגסטו עפּעס איינגע־פּאַקט אין דעם טיכעל?

דער אַלטער באָומערט. מיר זיינען שוין גאָר אויסגעליידיגט אין דער היים. האָב איך געלאָזט קוילענען דאָס קליינע הינטעל. פיעל איז דאָ אויך ניטאָ. הויט און ביינער. ס'איז דאָך האַלב פערהונגערט. ס'איז געווען אַ שיין הינטעלע. איך האָב עס אַליין ניט געוואָלט קוילענען. מיין האַרץ האָט מיר ניט פער־טראָגען.

פייפער. (האָט איבערגעקוקט בעקערס געוועב. שרייט:) בעקער, דרייצעהן און אַ האַלב זילבער גראָשען.

בעקער. דאָס איז אַן אָרימע נדבה, אָבער ניט קיין אַר־בייטס לוין.

פייפער. ווער ס'איז פערטיג, זאָל אַרויסגיין. מיר ווע־לען זיך פריהער ניט ריהרען.

בעקער. (צו דיא אַרומשטעהענדיגע אויף דעם זעלבען קול) דאָס איז אַן אָרימעס ביער געלד, וויטער נישט. און דאָ זאָל מען אַרבייטען פון מאָרגען פריה ביז דיא זינקענדע נאַכט. און ווען מען

איז געלעגנע אכטצעהן טאג איבער דיא וועב־שטוהל, יעדען אבענד אויסגעמוטשעט און אויסגעטריקענט פון שטויב און היטץ, האט מען זיך שוין פערדיענט דרייצעהן אין א האלב זילבער גראשען.

פ י י פ ע ר. היער מוז מען דאס מויל האלטען.

ב ע ק ע ר. פון אייך לאז איך מיר נאך לאנג ניט פערמאַ־כען דאס מויל.

פ י י פ ע ר. (שפרינגט אונטער און שרייט) דאס וועלען מיר שוין זעהן. (לויפט צו צו דיא גלעזערנע טהיר און שרייט) העררדרייסיגער, העררדרייסיגער, ווילען זיא אזוי פריינדליך זיין.

ד ר י י ס י ג ע ר (קומט אריין, א מאן פון א יאהר פערציג, מיט א רונדע בייכעל, סאפעט שווער, מיט שטרענגער מינע.) וואס טהוט זיך עס דא, פייפער?

פ י י פ ע ר. (מיט בייזקייט) בעקער וויל זיין גרויס מויל ניט האלטען.

ד ר י י ס י ג ע ר. (מאכט א'ן ערענסטע מינע, פערווערפט דעם קאפ און קוקט אויף בעקער'ן מיט א פערצויגענער נאז.) א, אזוי, בעקער — (צו פייפער) איז דאס דער. . . . . ?

(דיא משרתים שאקלען מיט'ן קאפ).

ב ע ק ע ר. (פרעך) יא, יא העררדרייסיגער! (ציינט אויף זיך) דאס איז דער (ציינט אויף דרייסיגער) און דאס איז דער.

ד ר י י ס י ג ע ר. (אין כעס) וואס ערלויבט זיך דער מענש?

פ י י פ ע ר. איהם געהט עס צו גוט. ער וועט אזוי לאנג טאנצען אויפ'ן אייז, ביז ער וועט זיך אויסגליטשען.

ב ע ק ע ר. (ברוטאל) אָה, דו ממזר, האלט דיין פיסק! דיין מאמע האט זיך געמוזט פערזעהן אויף א שד, דאדורך איז פון דיר ארויסגעקומען אזא טייוועל.

ד ר י י ס י ג ע ר. (ברעכט אויס מיט גרימצאָרן און ברוללט.) האלט דיא מאַרדע! דיא מאַרדע זאלסטו האלטען, אז ניט. . . . .

(ער ווארפט זיך פאר כעס און געהט עטליכע שריט פאראויס.)

ב ע ק ע ר. (ענטשלאָסען) איך בין ניט טויב, איך הער גאַנץ גוט.

ד ר י י ס י ג ע ר. (בעהערשט זיך, פרעגט מיט א כלומר'שט סותר'מעסיגע רוהיגקייט) איז דיזער חברה־מאז אויך דאביי געוועזען?

פ י י פ ע ר. דאס איז א ביעלאוועו וועבער און וויא נור עפעס א'ן אויפגערידער, קענט איהר דיזע לייטע געפינען.

ד ר י י ס י ג ע ר. (ציטערנדיג.) איך זאג אייך אלזא, זאל דאס נאך א מאל פאסירען, זאל נאך איין מאל אזא האלב פערשי־כורטע באנדע, אזא באנדע סמארקאטע פויליאקעס, זיך פערביי־שלעפען פאר מיין הויז וויא געסטערען אבענד — מיט דיעזען נידער־טרעכטיגען ליעד. . . . . .

ב ע ק ע ר. דאס בלוטיגע געריכט, מיינען זיא?

ד ר י י ס י ג ע ר. ער וועט שוין ווימען, וועלכעס איך מיין. איך זאג אייך אלזא: הער איך דאס נאך אמאל, וועל איך אנ־נעהמען איינעם פון אייך און — אויף מיין עהרענווארט, איך שפאס ניט — און וועל איהם אבגעבען אין געריכט, און ווען איך זאל אויס־געפונען, ווער דאס עלענדע ליעד. . . . . .

ב ע ק ע ר. דאס איז א שיין ליעד, דאס —

ד ר י י ס י ג ע ר. נאך איין ווארט און איך שיק נאך דיא פאליציי — אויף דיא שטעלע, — איך ווארט ניט לאנג — מיט אייך יונגאטשעס וועל איך שוין פערטיג ווערען. איך בין שוין מיט גרע־סערע פון אייך פערטיג געווארען.

ב ע ק ע ר. דאס גלויב איך אייך שוין. אזא גרויסער פאב־ריקאנט, קען פערטיג ווערען מיט א צוויי־דריי־הונדערט וועבער איידער מען קוקט זיך ארום. עס וואלט אפילו קיין צובראכען ביינ־דעל ניט געבליעבען. אזא וויא איהר האט פיער מאגענס וויא א קוה, און ציינער וויא א וואלף. יא, יא, דאס איז א קלייניגקייט ביי אזעל־כען.

ד ר י י ס י ג ע ר. (צו זיינע משרתים) דער מענש קריעגט קיין שטאך ארבייט ביי אונז ניט מעהר.

ב ע ק ע ר. צו איך פערהונגער ביים וועב־שטוהל צו אויפ'ן גאס, איז מיר א קליינע נפקה מינה.

ד ר י י ס י ג ע ר. ארויס! זאלסט מיר שוין ארויס געהן.

ב ע ק ע ר. (פעסט) פריהער בעצאָהלט וואס מיר קומט.

ד ר י י ס י ג ע ר. וויפיעל קומט דעם קערל, ניימאַן?

נ י י מ א ן. צוועלף זילבער גראָשען פינף פעניג.

ד ר י י ס י ג ע ר. (נעמט האסטיג דאָס געלד פון דעם קאסי־רער, און גיהט עס אזא וואָרף אויף דעם טיש, אז עטליכע מטבעות קייק־לען זיך אראָב אויף דרערד) נא, היער! נו, שנעל ארויס, ארויס פון מיינע אויגען!

ב ע ק ע ר. פריער בעצאָהלט וואס מיר קומט.

ד ר י י ס י ג ע ר. דאָ ליעגט זיין בעצאָלט: און אויב ער געהט מיר ניט באלד ארויס פון דאנען. . . . ס'איז פונקט צוועלף. . . . מיינע פארבער געהן יעצט אויף מיטאָג. . . .

ב ע ק ע ר. מיין בעצאָהלט געהערט אין מיין האנד אריין, אַט דאָ אַהער געהערט עס. (ער ווייזט מיט דעם פינגער פון דער רעכ־טער אויף דער פלאַכער זייט פון דער לינקער האנד.)

ד ר י י ס י ג ע ר. (צום לערן אינגעל.) הייבען זיא דאָס אויף, טילגנער.

ל ע ר ן י ו נ ג ע ל. — (טהוט אזוי, ליעגט דאָס געלד אין בעקערס האנד אריין.)

ב ע ק ע ר. אלעס מוז צוגעהן מיט א ריכטיגען אָרדנונג.

(ליעגט גאַנץ געלאסען דאָס געלד אין א'ן אלטען בייטעל אריין.)

ד ר י י ס י ג ע ר. (אונגעדולדיג) נו? (ווייל בעקער ריהרט זי נאָך אַלץ ניט) אפשר אונטערהעלפען?

(צווישען דיא צוזאממענגעקוועטשטע וועבער, הייבט זי אָן א בע־וועגונג, יעמאַנד לאָזט ארויס א לאַנגען טיעפען זיפץ. נאָכדעם געשיט א פאל. אַלע פעראינטערעסירען זיך מיט דעם פאַרפאל.)

ד ר י י ס י ג ע ר. וואס איז עס דאָרט?

פ ע ר ש י ע ד ע נ ע ו ו ע ב ע ר א ו נ ו ו ע ב ע־ר י נ ס. ס'איז איינער געפאלען אין חלשות — ס'איז עפּעס א קליין אינגעל, איז ער קראנק צו וואָס?

ד ר י י ס י ג ע ר. יא. . . . וויא אזוי. . . . ? געפא־לען אין חלשות? (ער געהט צו נעהנטער.)

א ל ט ע ר ו ו ע ב ע ר. אַט דאָ ליעגט ער. (זיי צוריקען

זיך און מען זעהט א'ן אונגעפער אכט יעהריגען אינגעל ליעגען אויף ד'רערד וויא טויט.)

ד ר י י ס י ג ע ר. קען ווער דאס אינגעל?

א ל ט ע ר ו ו ע ב ע ר. פון אונזער דארף איז ער ניט.

ד ע ר א ל ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. דער, זעהט מיר אויס וויא היינריך'ס, (ער בעטראכט איהם גענוי) יא, יא, דאס איז היינריך'ס גוסטאוועל.

ד ר י י ס י ג ע ר. וואו וואהנען דיא לייטע?

ד ע ר א ל ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. ביי אונז אין קאש-באך, הערר דרייסיגער, ביי נאכט געהט ער ארום שפיעלען און ביי טאג ליעגט ער איבער'ן וועב-שטוהל. זיי האבען ניין קינדער און דאס צעהנטע איז שוין אונטערוועגענס.

פ ע ר ש י ע ד ע נ ע ו ו ע ב ע ר א ו ן ו ו ע ב ע-ר י נ ס. דיא לייטע געהט עס זעהר שלעכט. — זיי רעגענט אריין אין שטוב. — דיא פרוי האט קיין צוויי העמדלעך פיר דיא ניין קינדער.

ד ע ר א ל ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. (שטעלט אויף דאס אינגעל) נו, אינגעל, וואס איז מיט דיר? וואך דאך אויף!

ד ר י י ס י ג ע ר. נעמט אלע אן, מיר וועלען איהם אויפ-הייבען, א שכל דאס איז, צו נעמען אזא שוואך קינד און שיקען אזא ווייטע וועג. ברייגגט אביסעל וואסער, פייפער!

ו ו ע ב ע ר י ן. (העלפען איהם אויפשטעלען) מאך זיך נור ניט נאריש אינגעל און מאך ניט קיין שטארב.

ד ר י י ס י ג ע ר. אדער קאניאק, פייפער, קאניאק איז בעסער.

ב ע ק ע ר. וועלכער איז געשטאנען דיא גאנצע צייט מיט דער האנד אויף דער קליאמקע און זיך צוגעקוקט האט א געשריי געגעבען מיט שפאט) גיהט איהם עפעס צו פרעסען, וועט ער שוין צו זיך קומען. (געהט ארויס).

ד ר י י ס י ג ע ר. דער יונג וועט קיין גוטען סוף ניט האבען, נעהמט איהם אונטער'ן ארם, ניימאן, — לאנגזאם. . . . .

לאנגזאם. . . . . אזוי. . . . . אזוי. . . . . מיר ווע׳לען איהם אריינ־נעמען אין מיין צימער. . . . וואס ווילט איהר דען.

נ י י מ א ז. ער האט עפעס געזאגט, הערר דרייסיגער, ער מאכט מיט דיא ליפען.

ד ר י י ס י ג ע ר. וואס — ווילסטו דען, אינגעל?

ד א ס א י נ ג ע ל. (סאפעט) מיך הו. . . . הונגערט.

ד ר י י ס י ג ע ר. (ווערט בלייך) מען פערשטעהט ניט וואס ער מיינט.

ו ו ע ב ע ר י ז. איך גלויב, ער מיינט. . .

ד ר י י ס י ג ע ר. מיר וועלען שוין זעהן, האלט מיך ניט אויף — ער קען זיך לייגען אויף מיין סאפא, מיר וועלען הערען וואס דער דאקטאר וועט זאגען. (דרייסיגער, נייטאן און וועבער־פרויען פיהרען דאס אינגעל אריין אין קאנטאר. צווישען דיא וועבער ווערט א בעוועגונג, וויא ביי חדר אינגלעך ווען דער רבי געהט ארויס, מען רו־דערט זיך און מען ציהט זיך; מען סוד׳עט זיך, מען שטעלט זיך פון איין פוס אויפ׳ן צווייטען, אין א פאר סעקונדען ריידען אלע אויפ׳ן קול).

א ל ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. ביי מיר קומט אויס, אז בעק־קער האט דאך רעכט. (אלע ריידען.)

ע ט ל י כ ע ו ו ע ב ע ר א ו ן ו ו ע ב ע ר י נ ס.— איך זאג דאך אויך דאס זעלבע — דאס איז גאר ניט קיין נייעס, אז איינער פאלט אמאל פון הונגער. — וואס וועט נאך זיין ווינטער, ווען מען וועט אזוי האלטען אין איין אראבגרייסען. — און דיא קאר־טאפעל זיינען דאס יאהר אויך ניט געראטען. — דא וועט שוין ניט אנדערש ווערען ביז מיר וועלען ליגען מיט׳ן פופיק קאפויר.

ד ע ר א ל ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. אם בעסטען איז צו מאכען וויא דער נענוויקער וועבער. מען לייגט זיך א שטריקעל ארום דעם האלדז און מען קניפט עס צו צו דעם וועב־שטוהל. נא, נעם א שמעק טאבאק, איך בין געווען אין נייראד, דארט ארבייט מיין שוואגער אין דער טאבאק פאבריק, האט ער מיר געגעבען אבי־סעל. וואס טראגסטו עפעס גוטס אין דעם טיכעל?

א ל ט ע ר ו ו ע ב ע ר. ס׳איז אביסעל פערלגראפען, דעם מילנערס וואגען איז פארביי געפאהרען און איין זאק איז גע־

ווען אביסעל אויפגעריסען. דאָס איז מיר געקומען וויא געוואונשען, מעגסט מיר גלויבען.

ד ע. ר א ל ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. איז פּעטערסוואלד זיינען דאָ צוויי און צוואַנציג מיהלען און פאר אונז פאלט גאָר ניט אָב.

א ל ט ע ר ו ו ע ב ע ר. מען דארף נור ניט פערליערען דעם האָפנונג. עס מאכט זיך שוין אלע מאָל עטוואָס וואס העלפט א מענשען אביסעל ווייטער.

ו ו ע ב ע ר ה י י ב ע ר. אָה יא, אז דער הונגער קומט, דארף מען זאָגען עטליכע קאַפּיטלעך תהילים, און אז מען ווערט נאָך אַלץ ניט זאַט, נעהמט מען א שטיין איז מויל אריין און מען נאָגט. „וואס זאָגט איהר באומערט?"

(דרייסיגער, פייפער און דער קאסירער קומען אריין.)

ד ר י י ס י ג ע ר. ס'איז געווען א גאָר ניט, דאָס אינגעל איז שוין ווידער געזונד. (גייט ארום אויפגערעגט און סאפּעט) דאָך איז עס א געוויסענלאָזיגקייט, דאָס קינד איז דאָך וויא א שטרוי! . . . . וויא מענשען בעגרייפען צו ניט גאָר דאָך איז עס וויא עלטערען קענען זיין אזוי אונפערניינפטיג, הענגען איהם אָן צוויי שאָק בארכענט און שיקען אוועק פאר אנדערטהאלב מיילען. ס'איז גאָר ניט צו גלויבען, איך וועל איינפאך מוזען זעהן מען זאָל פון קינדער מעהר ניט אָבנעמען קיין סחורה. . . . . (ער גייט א ווײלע ארום שטיל) יעדענפאלס איז מיין ערענסטער וואונש אזעלכעס זאל נאָך אמאָל ניט פאָרקומען. — אויף וועמענס קאָפּ פאלט דען דאָס? אויף דעם פאבריקאנט, נאטירליך. אין אלעם זיינען מיר שולדיג. ווען אזא ארעם אינגעל בלייבט ווינטער שטעקען איז שניי און שלאָפט איין, קומט באלד צו לויפען א שרייבערעל און איז צוויי טעג ארום, זיינען אלע צייטונגען פול מיט דיא שודערליכע געשיכטע. דער פאָטער, די עלטערען וואס שיקען אזא קינד. . . . . זיי זיינען דען עפּעס שולדיג? חלילה! דער פאבריקאנט מוז עס אויסשטיין, דער פאבריקאנט איז דאָס כפּרה היהנדעל; דער וועבער ווערט אימער גענעבעט, אָבער דער פאבריקאנט כאפּט אימער דיא קלעפּ: ער איז א מענש אָהן א הארץ, א שטיין, א געפעהרליכער קערל, וועמען יעדער

ציטונגס — הונד מעג בייסען אין דיא ליטקעס. ער לעבט גרויסארטיג און אין פריידען און גיהט דיא ארעמע וועבער הונגער־לויז. — אז אזא מענש האָט אויך זאָרגען, אז ער קען פיעלע נעכט ניט שלאָפען, אז ער שטייט אלע מאָל אין א ריזיקע פון וועלכע דעם ארבייטער חלומט אפילו ניט, אז דאָס חיסור'ן און חילוק'ן און כפל'ען, דאָס חשבון'ען און חשבון'ען אליין פערדרייט איהם אמאָל אזוי דעם קאָפּ, אז ער וויים ניט אויף וועלכע וועלט ער איז. אז ער מוז הונדערט זאכען איבערלייגען און איבערטראכטען, און איממער ווערענד קאָנקורירען און קעמפּפען אויף לעבען און טויט, זאָ צו זאגען; אז עס געהט ניט אוועק א טאָג אָהן עגמת נפש און היזק, פון דיזען אלעם שווייגט דער פסוק. און וואס הענגט ניט אלעס ארום דעם פאבריקאנט, און וואס זויגט מען אלעס ניט פון דעם פאבריקאנט, און וואס וויל מען אלץ ניט פון איהם. נו, נו, איהר זאלט נור אמאָל געפּרופט ווערען מיט מיין טעם, ס'וואָלט אייך שנעל פער'מיאוסט געווארען. (נעמט צוזאממען דיא געדאנקען) וויא האָט זיך דאָס דאָ דער שייגאץ, דער יונגאטץ, דער בעקער אויפגעפיהרט! יעצט איז ער אוועק און וועט אויספּאַקען, אז איך בין ווער ווייס וואָס'ער טיראַן, פאר יעדע קלייניגקייט ווארף איך דיא וועבער, מיר ניט דיר ניט, ארויס אויף'ן גאָס. איז דאָס אבער אמת? בין איך טאקי אזוי שלעכט?

פ י ע ל ע ש ט י מ מ ע ן. ניין, הערר דרייסיגער.

ד ר י י ס י ג ע ר. מיר שיינט אויך אזוי, און דאָ שלעפּען זיך דיא שקצים ארום און זינגען געמיינע לידער אויף אונז פאבריקאנטען, ריידען פון הונגער און האָבען אזוי פיעל איבעריג, אז זיי טרינקען בראנפען קוואַרט — ווייז. זאָלען זיי אמאָל ארײן שטעקען זייער נאָז אנדערשוואי, און זעהן וויא עס גייט צו ביי די ליינוואנדוועבער. דיזע קענען ריידען פון נויט. אָבער איהר דאָ, דיא בארכענט וועבער, איהר מעגט נאָך צעהן מאָל א טאָג גאָט דאנקען. און איך פרעג אייך דאָ אלע, וואס זיינען דאָ יעצט: קען א'ן אנשטענדיגער ארבייטער אויסקומען ביי מיר אָדער ניט.

ז ע ה ר פ י ע ל ע ש ט י מ מ ע ן. יא, הערר דרייסיגער!

ד ר י י ס י ג ע ר. נו, זעהט איהר, אזא יונגאטץ וויא בעקער,

געוויס ניט, אבער איך ראטה אייך, האלט דעם יונג אין צוים. ווארום אז עס וועט מיר צופיעל דערעסען, ווארף איך עס אין גאנצען. דאן גיב איך אויף דאס גאנצע געשעפט, וועט איהר שוין וויסען וויא איהר וועט אויסזעהן, דאן וועט איהר זעהן וואו איהר וועט קריעגען ארבייט. ביי אייער בעקער אפשר, הא?

ע ר ש ט ע ו ו ע ב ע ר י ן. (האט זיך אונטערגעריקט צו דרייסיגער, פוצט דעמוטהיג דעם שטויב פון זיין ראק) זיי האבען זיך אביסעל איינגעשמירט, גנעדיגער העררר דרייסיגער.

ד ר י י ס י ג ע ר. דיא געשעפטען זיינען הינטישע, דאס ווייסט איהר אליין. איך דערלייג געלד, אנשטאט צו פערדיענען. און ווען איך זארג פון דעסטוועגען פאר מיינע וועבער, זיי זאלען האבען ארבייט, רעכען איך, דארפען זיי מכיר טוב זיין. טויזענדע שטיקער סחורה ליעגען דא, און איך וויים נאך היינט ניט צו וועל איך זיי ווען עס איז פערקויפען. — נו, האב איך געהערט, אז זעהר פיעל וועבער גייען ארום ליידיג און אזוי. . . . . נו, פייפער וועט עס אייך שוין ערקלערען — דיא זאכע איז נעמליך דיא: אום איהר זאלט זעהן מיין גוטען ווילען. . . . . איך קען נאטירליך קיין נדבות ניט געבען, איך בין פאר דיזען ניט רייך גענוג, אבער איך קען ביז א געוויסען גראד געבען א געלעגענהייט דעם ארבייטסלאזען כאטש עטוואס צו פערדיענען. איך ריזיקיר אפילו דאביי זעהר פיעל, אבער דאס איז שוין מיין זאך. — איך האב מיר אזא חשבון: ווען א מענש קען זיך יעדען טאג כאטש א קלייניגקייט פערדיענען, איז עס דאך בעסער איידער ער זאל אין גאנצען פערהונגערען. האב איך ניט רעכט?

פ י ע ל ע ש י מ מ ע ן. יא, יא, העררר דרייסיגער.

ד ר י י ס י ג ע ר. איך בין אלזא בערייט צו געבען ארבייט פאר נאך צוויי הונדערט וועבער. אונטער וואסערע בעדינגונג וועט אייך שוין פייפער ערקלערען (ער וויל גיין.)

ע ר ש ט ע ו ו ע ב ע ר י ן. (פערטרעט איהם דעם וועג, רעדט האסטיג און רחמנות'דיג) גנעדיגער העררר דרייסיגער, איך וואלט זיי גערן פריינדליך געבעטען, ווען זיי זאלען פיעלייכט. . . דאס בלוט האט זיך ביי מיינעם צוויי מאל געלאזען פון האלדז.

ד ר י י ס י ג ע ר. (איילינ) רעדט מיט פייפער'ן, ליעבע פרוי; איך בין שוין אזוי אויך צו שפעט. (ער לאָזט זיא שטעהן.)

וועבער רייטמאַן. פערטרעט איהם דעם וועג, בעט מיט קרענקונג און אנקלאגע) הערר דרייסיגער, איך מוז זיך ווירקליך בע־קלאַגען. הערר פייפער האָט מיר. . . . . איך האָב דאָך איממער בעקוממען פיר מיין געוועב איין......

ד ר י י ס י ג ע ר. (פאלט איהם אריין אין דיא רייד) דאָרט זיצט דער עקספעדיטאָר; דאָרט אהין ווענדעט זיך; דאָרט איז דיא ריכטיגע אדרעססע.

וועבער הייבער. (האָלט אויף דרייסיגער) גנעדיגער הערר דרייסיגער, (שטאַמעלט און א ביסעל צומישט) איך וואָלט זיי פיעל מאָל געוואָלט גיטיגסט בעטען, אויב זיי וואָלטען קענען... אויב הערר פייפער וואָלט קענען.... אויב ער וואָלט קענען....

ד ר י י ס י ג ע ר. וואס ווילט איהר דען?

וועבער הייבער. דעם פאראויס פון לעצטען מאָל, איך מיין וועלכען, איך.....

ד ר י י ס י ג ע ר. איך פערשטיי אייך ווירקליך ניט.

וועבער הייבער. איך בין געוועזען אין א גרויסע נויט, וויל.....

ד ר י י ס י ג ע ר. צו פייפערען, איך קען ווירקליך ניט, מאכט דאָס צירעכט מיט פייפערען. (כאַפט זיך אריין אין זיין קאָנ־טאָר, דיא בעטענדיגע קוקען זיך הילפלאָז אָן, אייגער נאָך דעם אנדערען רוקט זיך ארוים מיט א זיפץ.)

פ י י פ ע ר. (נעהמט זיך ווידער צו דער ארבייט) נו, פעטער, וואס ברענגט איהר?

דער אלטער באומערט. וואס זאל מען דען יעצט קריעגען פאר א געוועב?

פ י י פ ע ר. פאר א געוועב צעהן זילבער גראָשען.

דער אלטער באומערט. נו, דאָס איז שוין פיין.

(בעוועגונג צווישען דיא ארבייטער, א שושקעריי און א מורמור...)

ענדע פון'ם ערשטען אקט.

פערזאָנען אין צווייטען אַקט:

דער אַלטער באַומערט.
מוטער באומערט, זיין פרוי
אוגוסט, זייער זוהן
עמּמאַ, } זייערע טעכטער
בערטהאַ, }
פּריטץ, אונגעזעצליך קינד ביי עממאַ.
דער אַלטער אנזארגע, בעל הבית פון הויז און וועבער
פּרוי היינריך,
מאָריטץ יעגער, אויסגעדיענטער סאָלדאַט, אַמאָליגער וועבערגעזעלע.

צווייטער אַקט.

דאָס שטיבעל פון ווילהעלם אַנזארגע אין קאשבאך, אין אַ'ן ענגען צימער וועלכעס האָט ניט קיין גאנצע זעכס פוס פון דיא צובראָכענע פאָד־לאָגע ביז דעם פעררויכענטען באַלקען, זיצען צוויי יונגע מיידלאך, עממאַ און בערטהאַ באומערט ביי וועב־שטוהלען — מוטער באומערט, אַן איינגעהויקערטע אלטעטשקע, אויף א בענקעל לעבען בעט, האַלט פאר זיך אַ שפּול רעדעל, — איהר זוהן אוגוסט, צוואנציג יעהריג, אידיאָטיש, מיט אַ קליינעם קערפּער און א קליינעם קאָפּ, מיט לאַנגע הענד און פיס, וויקעלט אויך. דורך צוויי קליינע פענסטער לעכער, אין דער לינקער וואנד, וועלכע זיינען פערשטופּט מיט שטרוי, און פערקלעפּט מיט פּאפּיער שיינט אַריין אַ שוואך, ראָזאָווע פארביגעס אָבענד ליכט, דאָס ליכט פאלט אויף דיא וויים־בלאָנדע צופּאדעלטע האָר פון דיא מיידלעך, אויף זייערע מאָגערע נאַקעטע אַכסלען און דינע וועכסענע העלדזער, אויף דיא קנייטשען פון דיא גראָבע העמדער און אויפ'ן קורצע ראָק, וועלכעס איז זייער איינציגע בעקליידונג. דאָס ליכט פאלט איבער'ן גאַנצען געזיכט, האַלדז און

ברוסט פון דער אַלטער פרוי. איהר געזיכט איז אָבגעמאָגערט צום סקעלעט, מיט קנייטשען און פאַלדען, און איין בלוטלאָזעס געזיכט, מיט איינגעזונקענע אויגען, וועלכע זיינען פון שטויב, רויך און אַרבייט ביים ליכט, רויט פון ענטצינדונג און וואַסערדיג. איין אויסגעצויגענעם האַלדז, פול מיט קנייטשען און פאַלדען, איין איינגעפאַלענע ברוסט אָנגעשטאָפּט מיט אָבגעשאָסענע שמאַטעס — איין טהייל פון דיא רעכטע וואַנד, מיט אַ'ן אויווען, אַ באַנק, אַ בעט און עטליכע אָבגעבלאַקירטע הייליגע בילדער ווערען בעלויכטען. אויף דעם אויוועןהענגען עטליכע שמאַטעס צום טריקענען. אונטער דעם אויווען ליעגט אַ באַרג מיט פערשיעדענע שמאַטעס. אויף דער באַנק, נעבען אויווען, שטייען עטליכע אַלטע טעפּ און אַנדערע קאָך גשיר, און שאָלעכץ פון קאַרטאָפּעל ליעגען אויסגעלייגט אויף פאַפּיער צום טריקענען. פון דעם באַלקען הענגען אַראָפּ מאָטקעס בוימוואָל, קאָשיקעס מיט שפּולען שטייען נעבען דיא וועב שטוהלען. אין דער הינטערוואַנד איז איין נידעריגע טיהר אָהן אַ שלאָס. איין בינטעל ווערבעצווייגען ליעגט אָנגעלעגט אָן דער וואַנד. איניגע צעבראָכענע, געפלאָכטענע קאָשיקעס שטייען דאנעבען. דאָס קלאַפּעריי פון דיא וועב שטוהלען, דאָס צום טאַקט־קלאַפּען פון דיא ראַמען פון וועלכע דיא ווענד און דיא ערד טרייסלען זיך, דאָס גערויש און שאָראַך פון דיא וועב־שיעפלעך פילען אָן דאָס צימער. צו דיזען מישט זיך נאָך צו דאָס גלייכמעסיגע, איינטעניגע

שומען פון דיא רעדלעך.

מ ו ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. (מיט איין קלעגליכען, ערשעפּענדען טאָן, ווען דיא מיידלעך שטעלען זיך אָב און בייגען זיך אַריבער דעם געוועב.) איהר מוזט שוין ווידער קניפּען.

ע מ מ א. (דיא עלטערע מיידעל, צוויי און צוואַנציג יאָהר, צוקניפּענדיג אַ צוריסענעם פאָדעם.) דאָס איז עס אַביסעל אַ פאָדעם!

ב ע ר ט ה א. (פופצעהן יאָהר) דאָס איז ניט מעהר וויא אַבפאַל.

ע מ מ א. וואו איז ער עס אַזוי לאַנג? ער איז דאָך שוין אוועק זייט ניין אוהר.

מ ו ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. נו טאַקע, טאַקע, וואו קען ער ערגעץ זיין, קינדער?

ב ע ר ט ה א. שרעק זיך נור ניט, מאמע.
מ ו ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. ס'איז דאך וואס איבערצוקלערן.
ע מ מ א. (הייבט ווייטער אן צו וועבען).
ב ע ר ט ה א. ווארט נור עממא!
ע מ מ א. וואס איז דען?
ב ע ר ט ה א. מיר דאכט זיך יעמאנד איז געקומען.
ע מ מ א. ס'איז א ודאי אנזארגע געקומען א היים.
פ ר י ט ץ. (א קליינער בארוועסער אינגעל פון א יאהר 4 אנ־געטהאן אין שמאטעס, קומט אריין מיט א געוויין.) מאמע, מיך הונגערט.
ע מ מ א. ווארט פריטצעל, ווארט אביסעל; דער זיידע וועט באלד קומען. ער וועט ברענגען ברויט מיט גרויפען.
פ ר י ט ץ. מיך הונגערט אזוי, מאמעלע!
ע מ מ א. איך זאג דאך דיר. זיי ניט קיין נאר. ער קומט באלד און וועט ברייגגען א שעהן ברויט מיט גרויפען. און אז פייער־אבענד וועט קומען, וועט מאמע נעמען דיא שאלעכץ און אוועק־טראגען צום פויער, און וועט ברייגגען פאר'ן קינד א שעהן קריגעל מאסליאנקע.
פ ר י ט ץ. וואו איז דען דער זיידע געגאנגען?
ע מ מ א. צום פאבריקאנט איז ער געגאנגען, אבטראגען ארבייט.
פ ר י ט ץ. ביים פאבריקאנט?
ע מ מ א. יא, יא, מיין קינד! צו דרייסיגער אין פעטערס־וואלד.
פ ר י ט ץ. און דארט קריגט ער ברויט?
ע מ מ א. יא, דארט בעקומט ער געלד, קען ער קויפען ברויט.
פ ר י ט ץ. בעקומען זיידעס פיעל געלד?
ע מ מ א. אך קינד, הער דאך אויף צו פלאפלען. (זיא וועבט ווייטער, בערטהא אויך. באלד הערען ביידע ווידער אויף.)
ב ע ר ט ה א. געה אוגוסט, פרעג אנזארגע, צו וויל ער ניט מאכען ליכטיג.
א ו ג ו ס ט. (געהט אוועק מיט פריטצען.)
מ ו ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. (מיט א שטייגענדיגע, קינדישע

מורא, כמעט וויינענדיג.) קינדער, קינדער, וואו איז דער אַלטער אַזוי לאַנג?

בערטהא. ער האָט אפשר אָבגעטראָטען צו האופען.

מוטער באומערט. (וויינט) ער זאָל נור ניט האָבען אָבגעטרעטען אין א קרעצמע.

עממא. ווייז דאָך ניט מאַמע, אונזער טאַטע איז דאָך ניט אַזאַ מענש.

מוטער באומערט. (אויסער זיך פון פיעל איבערטראַכ־טען און שרעקען) נו... נו.... נו, זאָגט דאָך וואָס זאָל דאָס בעדייטען? וועז ער זאָל קומען... וועז ער זאָל דאָס געלד פערשיכור'ען און גאָר ניט אהיים ברייגגען? אין שטוב איז דאָך אביסעל זאַלץ ניטאָ, קיין שטיקעל ברויט, קיין שטיקעל האָלץ אויף פייער...

בערטהא. בערוהיג זיך מאַמע! דיא לבנה שיינט, וועל איך מיט אוגוסט'ן געהן אין וועלדעל אוןברייגגען אביסעל ריטער.

מוטער באומערט. יא, דער יעגער זאָל אייך כאַפּען.

אנזארגע. (איין אַלטער וועבער, דיא האָר פון קאָפּ און פון דער באָרד ווילד פערוואַכסען, מיט ריזיגע לאַנגע פיס. מוז זיך איינבויגען אום אַריינצוקומען אין צימער. שטעקט אַריין דעם קאָפּ דורך דיא טהיר.) וואָס ווילט איהר?

בערטהא. איהר וואָלט אַנצינדען א ליכט.

אנזארגע. (מיט א פערשטיקטען קול, וויא ביי א קראַנקען) ס'איז דאָך נאָך ליכטיג.

מוטער באומערט. דו לאָז אונז נאָך זיצען אין דיא פינסטער אויך.

אנזארגע. איך מוז זיך דאָך איינריכטען. (ער געהט אַרויס.)

בערטהא. נו, זעהסט ס'אַרע סקראַגע דאָס איז.

עממא. יעצט מוזען מיר זיצען וויא לאַנג איהם וועט זיך פאַרוועלען.

פרוי הייגריך. (קומט אַריין. איין דרייסיג יעהריגע פרוי, מעוברת. אין איהר מידען געזיכט זעהט זיך מאַטערנדיגע זאָרג און שרעקענדיגע אַנשטרענגונג.) גוטען אבענד אייך אַלעמען.

מ ו ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. נו, היינריכאווע, וואס ברייגגט איהר גוטס?

פ ר ו י ה י י נ ר י ך. (הינקט) איך האב זיך אריינגענומען א שטיק גלאז אין פוס אריין.

ב ע ר ט ה א. נו, קומט אהער, זעטצט זיך, איך וועל עס זעהן ארויסצוקריגען. (פרוי היינריך זעצט זיך, בערטהא קניעט אנידער פאר איהר און נעמט זיך גראבלען דיא פאדעשווע פון איהר פוס.)

מ ו ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. וויא געהט'ס עפעס אין דר'היים, היינריכאווא?

פ ר ו י ה י י נ ר י ך. (מיט פערצווייפלונג.) ס'געהט שוין באלד גאר ניט. (זיא סטארעט זיך אומזאנסט איינצוהאלטען דעם שטראם טרערען. וויינט שטילערהייט.)

מ ו ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. פאר אונז, היינריכאווע, וואלט געווען אם בעסטען, ווען גאט זאל זיך דערבארמען און אונז גאר צונעמען פון דער וועלט.

פ ר ו י ה י י נ ר י ך. (קען זיך מעהר ניט איינהאלטען. פלאצט ארויס מיט א געוויין) מיינע ארימע קינדער פערהונגערן מיר. (זיא כליפעט און שלוקערצט) איך ווייס מיר שוין מעהר קיין עצה ניט צו געבען, כאטש טהו זיך א מעשה אן. איך בין שוין מעהר טויט וויא לעבעדיג, און קיין הילף קען פון ערגעץ ניט קומען. און דא האב איך ניין הונגעריגע מיילער צו פערשטאפען. פון וואנען זאל זיך דאס נעמען? נעכטען ביי נאכט האב איך געהאט א שטיקעל ברויט, ס'איז ניט געווען גענוג אפילו פאר דיא צוויי קלענסטע. וועמען זאל איך עס פריהער געבען, הא? אלע שרייען זיי: מאמע מיר, מאמעלע מיר... און דאביי קען איך נאך ארומלויפען. וואס וועט נאך יעצט זיין, ווען איך זאל זיך מוזען אוועקלייגען? דאס ביסעל קארטאפעל איז קאליע געווארען פון וואסער. מיר האבען ניט א ביסען אין מויל אריינצולייגען.

ב ע ר ט ה א. (האט דערווייל ארויסגענומען דאס שטיקעל גלאז און אבגעוואשען דיא וואונד.) מיר וועלען ארומבינדען א שמאטקע. (צו עממא) זוך מיר אויס א טיכעל.

מ ו ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. ס'געהט אונז אויך ניט בעסער, היינריכאָווע.

פ ר ו י ה י י נ ר י ך. דו האָסט נאָך כאָטש דיא מיידלעך. דו האָסט אַ מאַן וואָס קען ארבייטען, אָבער מיינער איז דאָך מיר יענע וואָך ווידער אוועקגעפאַלען, ס'האָט איהם אזוי געריסען און געוואָרפען, אַז איך האָב גאָר ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן פאַר שרעק. און ווען ער האָט אַזאַ אַנפאַל, קען ער זיך אַכט טאָג ניט ריהרען פון בעט.

מ ו ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. מיינער איז אויך ניט מעהר ווערטה. ער פאַלט מיר אין גאַנצען איין. ער בעקלאָגט זיך אויף דיא ברוסט און אויפ'ן קרייץ. און ביי אונז איז אויך שוין ניט געבליבען קיין פעניג. ווען ער זאָל היינט ניט מיט ברייננגען אַ פּאָר גראָשען, וויים איך אסור וואָס מיר וועלען טאָן.

ע מ מ א. מעגסט'ס גלויבען, היינריכאָווע. מיר זיינען שוין געקומען אזוי וויים... דער טאַטע האָט היינט געמוזט מיטנעהמען דאָס הינטעל. מיר האָבען עס געמוזט קוילענען, אבי מען זאָל האָבען עטוואָס אין מויל אריינצולייגען.

פ ר ו י ה י י נ ר י ך. האָט איהר אפשר איבריג אַ גאָרשטיל מעהל?

מ ו ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. אַ קאָפּ אויך ניט. ביי אונז איז אפילו אַ קערנדעל זאַלץ אין שטוב ניטאָ.

פ ר ו י ה י י נ ר י ך. נו, וויים איך שוין ניט! (הייבט זיך אויף, בלייבט שטעהן, פערטראַכט זיך.) דאָ וויים איך שוין ווירקליך ניט! דאָ קען איך מיר שוין גאָר ניט העלפען! (שרייט מיט פער־צווייפלונג.) איך וואָלט דאָך געוועזן צופריעדען צו האָבען וואָס מען וואַרפט פאַר חזירים! איך טאָר ניט אהיים קומען מיט ליידיגע הענד. דאָס קען איך ניט, זאָל'ס מיר גאָט ניט רעכענען. איך וויים מיר קיין אנדערע עצה ניט צו געבען. (זיא הינקט שנעל ארוים.)

מ ו ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. (שרייט איהר נאָך, וואָרנענדיג) היינריכאָווע, היינריכאָווע, בעגעה נור ניט קיין נארישקייט.

ב ע ר ט ה א. זיא וועט זיך קיין לייד ניט טאָן, גלויב'ס ניט.

ע מ מ א. זיא מאכט'ס אימער אזוי, (זיא וועבט ווייטער עטליכע מינוטען).

א ו ג ו ס ט. (לייכט צו מיט א חלב'ן ליכט זיין פאטער, דעם אלטען באומערט, וועלכער שלעפט זיך אריין מיט א פאק גארן).

מ ו ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. געלויבט איז גאט! וואו ביזט'ס געוועז אזוי לאנג?

ד ע ר א ל ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. בייזער זיך נור ניט, לאמיך כאטש אביסעל אבדעכען. זעה ליעבער ווער ס'איז מיטגעקומען.

מ א ר י ץ י ע ג ע ר. (קומט אריין איינגעבוקט דורכ'ן טהיר. איין שטראמער, מיטעל גרויסער רעזערוויסט מיט רויטע באקען, דאס הו־זארען היטעל טראגט ער אן א זייט. געהט אין גאנצע קליידער און שיך, מיט א ריין העמד אהן א קאלנער. אריינקומענדיג, גיט ער זיך א שטעל און פערנייגט זיך אויפ'ן סאלדאטסקען אופן. אין א שטארקען טאן) גוטען אבענד, מוהמע באומערט!

מ ו ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. זעה, זעה, ביסטו ווידער אין דר'היים? האסט אונז נאך ניט פערגעסען? נעהם זעץ זיך, קום אהער און זעץ זיך.

ע מ מ א. (רוקט יעגער'ן אונטער א הילצערנעם בענקעל, וועלכעס זיא ווישט אב מיט איהר קלייד'על.) גוט'ן אבענד מאריטץ! ווילסט ווידער זעהן וויא ס'זעהט אוים ביי קבצנים?

י ע ג ע ר. זאג מיר נור עממא, איך האב עס דאך גאר ניט געוואלט גלויבען. דו האסט דאך שוין א אינגעל, וועלכער וועט באלד קענען געהן דיענען. וואו האסטו דיר איהם פערשאפט?

ב ע ר ט ה א. (וועלכע האט ביים פאטער צוגענומען דאס ביסעל עסענווארג וואס ער האט מיטגעבראכט, לייגט אריין אין א פאן און רוקט עס אריין אין אויוועו אין דער צייט ווען אוגוסט מאכט פייער) דו קענסט דאך פינגער, דעם וועבער?

מ ו ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. מיר האבען איהם דאך דא געהאט אין שטוב. ער האט זיא געוואלט נעמען. מיט איהם האט עס אבער געהאלטען שמאל. ער האט געליטען אויף דער ברוסט. איך האב איהר גענוג געווארענט. ווערט זיא דען פאלגען? נו, איז ער שוין

לאנג טויט און פערגעסען, און זיא קען יעצט זעהן, וואס הייסט אויפבריינגען א קינד. וויא איז עס דערגאנגען, מאריטע?

דער אלטער באומערט. רייד שוין גאר ניט, מו־טער. ער איז געבוירען אין א הייבעל; ער לאכט אונז אלעמען אויס; ער האט געבראכט מלבושים וויא א שררה, מיט א זילבערנעם צי־לינדער זייגער און צעהן טאלער מזומן געלד.

יעגער. (בעל גאוה'דיג און מיט א בעריהמערישען שמייכעל אין פנים) איך קען מיך ניט בעקלאגען. מיר איז ניט געווען שלעכט ביים מיליטער.

דער אלטער באומערט. ער איז געווען א דענש־טשיק ביים ראטנע קאמאנדיר. הער וויא ער רעדט, פונקט וויא ביי דיא פריצים.

יעגער. צו דעם פיינעם ריידען האב איך זיך שוין אזוי צוגעוואהנט, אז איך קען זיך גאר ניט אבגעוואהנען דאפון.

מוטער באומערט. זאלסט מיר געזונד זיין, זאג מיר, וויא קומט עס צו דיר, אזא שלימעזאלניק וויא דו ביסט געווען? און האסט זיך דערשלאגען צו געלד! האסט דאך צו קיין זאך ניט גע־טויגט, האסט דאך אפילו דאס רעדעל ניט געוואלט דרייען. דאס ארומלויפען און אויפשטעלען קליעטקעס פאר מייז און פייגעל איז דאך דיר ליעבער געווען, איז דאס ניט אמת?

יעגער. ס'איז אמת, מומע באומערט, איך האב געכאפט שוואלבען אויך.

עממא. אומזאנסט פלעגען מיר שרייען: שוואלבען האבען אין זיך א גיפט.

יעגער. דאס האט מיך ניט געארט. וויא איז עס אייך דערגאנגען, מומע באומערט?

מוטער באומערט. א גאט, גאר, גאר שלעכט אין דיא לעצטע 4 יאהר. זעה דאך, אלע גליעדער ברעכען מיר. קוק אויף מיינע פינגער. איך וויים גאר ניט צי זיי זיינען געלעהמט, צי וואס? איך בין אזוי אומגליקליך! איך קען מיט קיין גליעד ניט ריהרען. קיין מענש קען ניט גלויבען וואסערע יסורים איך האב אויסצושטעהן,

ד ע ר א ל ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. מיט איהר שטעהט עם זעהר שמאָל. זיא וועט זיך שוין לאַנג ניט שלעפּען.

ב ע ר ט ה א. איז דער פריה מוז מען זיא אָנטאָן, ביי נאַכט מוז מען איהר אויסטאָן. מיר מוזען איהר קאָרמען וויא א קליין קינד.

מ ו ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. (אימְמער מיט אַ קלעגליכע, ווייַנענדיגע שטימע) איך מוז זיך לאָזען בעדיענען פון הינטען און פון פאָרענט. איך בין מעהר וויא קראַנק. איך בין א לאַסט. וואָס האָב איך שוין ניט גאָט געבעטען ער זאָל מיך צונעהמען. אַ גאָט, אַ גאָט, מיט מיר האלט עס צו שלעכט. איך ווייס גאָר ניט... לייט קענען מיינען... זאָבער איך בין דאָך פון קינדהייט אויף געוואהנט צו אַרבייטען. איך האָב דאָך אימְמער מיין אַרבייט געטהאָן, און דאָ אויף איין מאָל (זיא פּרובירט אומזאָנסט זיך אויפצוהייבען) ס'געהט ניט. — איך האָב א גוטען מאַן, און גוטע קינדער האָב איך, אָבער איך זאָל דאָס אַלעס דאַרפען אָנצוקוקען...! וויא זעהן מיר דיא מיידלעך אויס! ? זיי האָבען דאָך קיין טראָפּען בלוט ניט אין זיך, זיי זיינען דאָך בלאַס וויא א ליינוואַנד. ס'גאַנצע לעבען נור ביי דיא אַרבייט. און ס'אַרע לעבען האָבען זיי! ס'גאַנצע יאָהר קומען זיי ניט אַראָפּ פון בענקעל. זיי האָבען זיך אפילו ניט דעראַרבייט צו א פּאָר שמאַטעס צו פערדעקען דעם גוף, זיך צו קענען ווייזען צווישען מענשען, אָדער א מאָל צו געהן אין קירכע אריין און זיך מיט עפּעס דערקוויקען. וויא זעהן זיי מיר אוים, יונגע מיידלאַך פון פופצעהן און צוואַנציג יאָהר.

ב ע ר ט ה א. (ביים אויוועז) דאָ געהט עס אביסעל א רויך.

ד ע ר א ל ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. נו, זעה, וואָסער רויך. דאָס קען מען אפילו ניט פאַרריכטען. ער וועט באַלד אין גאַנצען איינפאַלען, דער אויוועז. מיר קענען דאָס ניט העלפען. און דיא סאַזשע מוזען מיר שלינגען. מיר הוסטען אַלע, איינער וויא דער אַנדערער, וואָס מאַכט עס אוים, אז מיר הוסטען, און ווען מיר זאָלען אפילו דערשטיקט ווערען, וועט עס אסור ווּעמען אַרען.

י ע ג ע ר. דאָס דאַרף דאָך אָנזאָרגע פערריכטען.

ב ע ר ט ה א. דער זעהט אונז דאָ זעהר גערן. ער קרימט זיך אַזוי אויך געגוג.

מ ו ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. מיר פערנעהמען אזוי אויך ביי איהם צו פיעל פלאטץ.

ד ע ר א ל ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. און ווען מיר וועלען נאך עטוואס ריידען, וועלען מיר באלד ארויספליהען אויפ'ן גאס. שוין באלד א האלב יאהר האט ער פון אונז קיין דירה געלד און דיא אויגען ניט געזעהן.

מ ו ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. אזא שלעכטער מענש, ער זאל דאס לאזען צו זיך כאטש ריידען.

ד ע ר א ל ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. ער האט אויך ניט, אלטע. ס'געהט איהם געווג שלעכט. ער רעדט נור ווייניג פון זיין נויטה.

מ ו ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. ער האט דאך א הויז.

ד ע ר א ל ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. גע שוין, געה, וואס דו רעדסט. פון דעם גאנצען הויז איז אפילו א שפענדעל ניט זיין.

י ע ג ע ר. (האט זיך געזעצט און האט ארויסגענומען א קליינע לולקע מיט שיינע קוטאסלעך פון איין קעשענע און א קווארטענע פלאש בראנפען פון דער אנדערער) דאס קען דאך אזוי ווייטער ניט געהן. איך האב זיך גענוג אנגעזעהן וואס דא טהוט זיך ביי אייך. אין שטאדט לעבען דאך דיא הינט בעסער וויא איהר דא.

ד ע ר א ל ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. (אייפריג) געלד, אך געלד! דו ווייסט עס אויך? און אז מען זאגט א ווארט, הייסט עס: ס'איז שלעכטע צייטען.

א נ ז א ר ג ע. (קומט אריין. אין איין האנד האלט ער א ליי־מענעם טעפעל מיט זופ. אין דער אנדערער — א האלב פערטיג געפלאכטע־נעם קאשיק.) וואס מאכסטו, מאריטץ? ביסט ווידער דא?

י ע ג ע ר. א דאנק אייך, פעטער אנזארגע.

א נ ז א ר ג ע. (שטעלט אריין דאס טעפעל אין אויווען.) נו, דערצעהל מיר דאך אויך עפעס: זעהסט דאך גאר אויס וויא א גראף.

ד ע ר א ל ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. צייג איהם דיין שעהן זייגעריל. ער האט מיטגעבראכט א נייעם אנצוג און צעהן טאלער געלד.

א נ ז אָ ר ג ע. (שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ.) נו, יא, יא ! — נע, נע, נעע ! —

ע מ מ אַ. (לייגט דיא קאַרטאָפּעל־שאָלעכץ אין אַ זאַק אַריין) איך וויל נור אַרויסלויפען מיט דיא שאָלעכץ, אפשר וועל איך קריגען אביסעל מילך. (זיא געהט אַוועק.)

י ע ג ע ר. (וועהרענד אַלע קוקען אויף איהם מיט בעוואונדערונג און אַכטונג) בערעכענט זיך נור, וויא איהר פלעגט עס מיך אַלע מאָל אַרומיאָגען. מאָריטץ, פלעגט איהר זאָגען, מען וועט דיך לערנען דרך ארץ ביי דיא סאָלדאַטען. יעצט קענט איהר זעהן וויא גוט מיר איז געווען. דאָס ערשטע האַלב יאָהר, אמת, איז מיר ניט אַזוי גוט געגאַנגען. מען מוז פאָלגען, דאָס איז דיא הויפּט זאַך. דעם וואַכמייסטער האָב איך געפּוצט דיא שטיוועל, איך האָב איהם דאָס פערד געריייניגט, ביער געטראָגען, איך בין געוועזען געהאָרכזאַם וויא אַ הונד. און אויפ'ן פּלאַטץ בין איך אימער געוועזען. דיא האַרמאַטען מוזען אימער בלישצען. איך בין געוועזען דער ערשטער איז זאָטעל, און ווען ס'איז געקומען צו אַן אַטאַקע — מאַרש, מאַרש ! היייליגעם קאַנאָנען־ד'עהר, קרייצדאָנערשלאַק, הערר דו מיין גאָט ! און אויפגעפּאַסט האָב איך וויא אַ שפּיר הונד. איך האָב מיר געדענקט : דאָ העלפט קיין חכמות, דאָ מוז מען טאָן, דאָ האָב איך צוזאַמענגענומען דעם קאָפּ, און דאָ איז עס געגאַנגען וויא געשמירט. און דאָ איז עס געקומען אַזוי ווייט, אַז דער ראָטנע קאָמאַנדיר האָט געזאָגט פאַר דעם גאַנצען סקאַדראָן : אָט דאָס איז אַ הוזאַר וויא עס דאַרף צו זיין. (שטיל. ער פערריייכערט דיא ליולקע.)

א נ ז אָ ר ג ע. (שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ.) דאָס האָסטו געהאַט אַזאַ גליק ! נו, יא, יא, — נו, נע, נעע ! (ער זעצט זיך אויף דר'ערד, לייגט ווערבע צווייגען נעבען זיך און פלעכט דעם קאָשיק צווישען די פיס)

ד ע ר א ל ט ע ר ב אַ ו מ ע ר ט. לאָמיר האָפען, אַז דו וועסט אונז מיטברייינגען דיין גליק. — זאָלען מיר מיט טרינקען ?

י ע ג ע ר. גאַנץ געווים, פעטער באומערט. און ווען דער בראַנפען וועט אויסגעהן, וועט זיין אַנדערער. (ער וואַרפט אַ מטבעה אויף דעם טיש.)

אַ נ ז אָ ר ג ע. (מיט אָ נאַרישע ענטוישונג) אָה וואָה, אָה וואָה,

דאָ טהוט זיך עס אביסעל... דאָ טרעשצעט א געבראָטענס, דאָ שטעהט אַ קוואָרט בראָנפעז. (ער טרינקט פון דער פלאַש) לחיים מאָריטץ! — נו יא יא, נו, נע, נעע. (יעצט געהט דיא פלאַש אַרום פון איינעם צום אַנדערען.)

ד ע ר אַ ל ט ע ר ב אַ ו מ ע ר ט. וואָלטען מיר כאָטש גע־קענט האָבען אזאַ שטיקעל געבראטענס אויף אַ יום טוב! ס'געהן אוועק יאָהרען איידער מיר קריגען צו זעהן אַ שטיקעל פלייש. מיר ווערען ווידער מוזען וואַרטען ביז ס'וועט זיך ווידער עפּעס פאַר־שלעפּען אַ הונט וויא פאַר פיער וואָכען. אזעלכע נסים טרעפען זיך אָבער ניט אָפט אין לעבען.

אַ נ ז אָ ר ג ע. האָסט געלאָזען קוילענען דאָס הינטעל?

ד ע ר אַ ל ט ע ר ב אַ ו מ ע ר ט. ווען מיר זאָלען וועלען פערהונגערן, וואָלטען...

אַ נ ז אָ ר ג ע. נו יא, יא! — נו, נעע, נעע!

מ ו ט ע ר ב אַ ו מ ע ר ט. און ס'איז געווען אזאַ זגראַבנע, שעהן הינטעלע.

י ע ג ע ר. זייט איהר נאָך אַלץ אזוי לאַקאָמע אויף הינטעשע פלייש?

ד ע ר אַ ל ט ע ר ב אַ ו מ ע ר ט. אָה, רבונו של עולם, מיר זאָלען נור אזוי פיעל האָבען.

מ ו ט ע ר ב אַ ו מ ב ע ר ט. נו, יא, אזאַ שטיקעל פלייש גיט צו פּח.

ד ע ר אַ ל ט ע ר ב אַ ו מ ע ר ט. וואָס, דיר שמעקט שוין ניט מעהר זאָ וואָס? בלייב מיט אונז, מאריץ, ס'וועט דיר שוין פערשמעקען.

אַ נ ז אָ ר ג ע. (קוויקט זיך). נו, יא, יא, — נו, נעע, נעע, דאָס איז דאָך אַ מאכל — ס'איז דאָך אַ מחיה'דיג מאכל.

ד ע ר אַ ל ט ע ר ב אַ ו מ ע ר ט. (קוויקט זיך) ס'איז אַ ריינער צימעס, קען מען זאָגען.

אַ נ ז אָ ר ג ע. זאָג אונז דיין מיינונג, מאָריץ. דו ווייסט דאָך עפּעס וואָס ס'טוהט זיך אויף דער וועלט. צו וועט מיט אונז וועבער אַ מאָל אַנדערש ווערען, צו וויא?

י ע נ ע ר. מען מוז האפען.

א נ ז א ר ג ע. מיר קענען דא ניט לעבען און ניט שטארבען. אונז געהט אימער ערגער. א מענש וועהרט זיך דא ביז אויפ'ס לעצטע אבער צום סוף מוז מען זיך אונטערגעבען. דיא נויט פרעסט אויף דעם דאך פון איבער'ן קאפ און דעם גרונד פון אונטער דיא פיס. פריהער, ווען מען האט נאך געקענט ארבייטען ביים וועב־שטוהל, האט מען זיך נאך וויא ס'איז מיט צרות און מיט לייד גע־קענט דורכשלאגען. היינט קען איך שוין זייט א יאהר קיין שטאך ארבייט ניט בעקומען. דאס קארב־פלעכטעריי דערהאלט מיך קוים ביים לעבען. ווען איך פלעכט ביז אין דער זינקענדיגער נאכט, האב איך פערדיענט א גראשען און זעכס פעניג. דו ביסט דאך א געביל־דעטער מענש, נו, זאג אליין, וויא קען מען מיט דעם אויסקומען ביי אזא יקרות? דריי טאלער מוז איך אנידערלייגען פאר דיא פא־דאטקעס פון הויז, איין טאלער פאר דעם גרונד, דריי טאלער צינזען. איז גאנצען פערדיען איך פיערצעהן טאלער, בלייבט מיר זיעבען טאלער פאר א גאנץ יאהר. און פון דיזע זיעבען טאלער, זאל מען זיך בעקאכען, בעהייצען, בעקליידען, בעשוכען, בעשטריקען און בעפליקען; א קווארטיר מוז מען אויך האבען און וואס אלץ ניט. — איז עפעס א וואונדער, אז מען קען ניט בעצאהלען דיא צינזען?

ד ע ר א ל ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. ס'מוז א מאל איינער געהן נאך בערלין און מוז דעם קעניג פארשטעלען וויא אונז דערגעהט דא.

י ע נ ע ר. ס'וועט אייך ניט פיעל העלפען, פעטער באומערט. מע האט שוין גענוג דאפון גערעדט אין דיא גאזעטטען, אבער דיא רייכע, זיי פערדרייען און פערפלאנטערען דיא זאך אזוי... זיי מא־כען פון א מלאך א גלח.

ד ע ר א ל ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. (שאקלענדיג מיט'ן קאפ.) זיי זאלען דאס גאר ניט פערשטיין אין בערלין?

א נ זא ר ג ע. זאג דו, איך בעט דיך, מאריץ, קען דאס אזוי מעגליך זיין? איז דאס גאר קיין דין און קיין משפט ניטא? ווען איינער הארוועט און שינדט דיא הויט פון דיא הענד, און קען דאך ניט אויפברייגגען דיא צינזען; קען מיר דער פויער אוועקנעהמען מיין הייזעל? ס'איז דאך א פויער, ער וויל זיין געלד האבען. איך

וויים גאָר ניט וואס פון דעם קען ווערען? — ווען איך זאָל מוזען ארוים פון דעם הייזעל. . . . . (טרערען שטעלען זיך איהם אין דיא אויגען) אין דעם הייזעל בין איך געבוירען געוואָרען, דאָ איז מיין פאָטער געזעסען מעהר וויא פערציג יאָהר ביים וועב שטוהל. וויפיעל מאָל האָט ער געזאָגט צו דער מאַמע: „מאַמע, ווען איך וועל אַמאָל קומען צו אַ׳ן ענדע, דאָס שטיבעל האַלט פעסט. דאָס הייזעל האָב איך זיך שווער ערוואָרבען, יעדער נאָגעל איז אַ ניט דערשלאָפענע נאַכט, יעדער באַלקען, אַ יאָהר טרוקען ברויט. דאָס מוז מען דאָך בע־רעכענען. . . . . .

יעגער. דיא לייטע נעמען איך צו דאָס לעצטע. זיי זיינען ד׳רויף געפאַוועלט.

אנזארגע. נו, יאָ יאָ! — נו, נעע, נעע, נעע, נעע! קומט עס אָבער אזוי וויית, איז מיר ליעבער, זיי זאָלען מיך ארויסטראָגען, איי־דער איך זאָל מוזען ארויסגעהן אויף מיינע אַלטע יאָהר. דאָס ביסעל שטאַרבען איז אַ קלייניגקייט! מיין פאָטער איז אויך גערן געשטאָר־בען.— גאַנץ צום סוף האָט ער אַביסעל מורא געקריגען, וויא איך בין אָבער אריין געקראָכען צו איהם אין בעט, איז ער ווידער שטיל גע־וואָרען. — ווען מען בערעכענט דאָס אזוי: דעמאָלט בין איך געווען אַ איינגעל פון דרייצען יאָהר. מיעד בין איך געווען, בין איך באַלד איינגעשלאָפען ביי׳ם קראַנקען מאַן — איך האָב דאָך בעסער ניט פערשטאַנען. און ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפט, איז ער שוין געווען קאַלט.

מוטער באומערט. (נאָך אַ פויזע) געה צום אויווען בערטהא, און גיב אַנזאָרגע דיא זופּ.

בערטהא. נאַט, עסט, פעטער אַנזאָרגע.

אנזארגע. (עסט מיט טרעהרען) נו, נעע, נעע — נו יאָ יאָ!

דער אלטער באומערט. (האָט אַנגעהויבען צו עססען דאָס פלייש פון דיא פאַן).

מוטער באומערט. נו, אַלטער, קענסט דאָך וואַרטען נאָך אַביסעל. לאָז דאָך בערטהען גרייטען צום טיש.

דער אלטער באומערט. (קייט) פאַר צוויי יאָהר בין איך דאָס לעצטע מאָל געווען אין קירכע. באַלד נאָכדעם האָב איך

פערקויפט מיין זאַנטאַגדיגע ראָק, דערפון האָבען מיר געקויפט א שטיק פלייש, און פון דעמאָלט אָן איז קיין פלייש ניט אריינגעקור־מען אין מיין מויל ביז היינט.

י ע ג ע ר. מיר ברויכען ניט עסען קיין פלייש, דיא פאבריקאַנטען עסען שוין פאר אונז, זיי באָדען זיך איז פעטס. ווער עס גלויבט דאָס ניט, דאַרף נור געהן קיין בילאווע אָדער קיין פעטערס־וואלד. דאָרט קען מען זעהן וואונדער: איין שלאָס נאָכ׳ן אַנדערען, איין פאלאץ נאָך׳ן אַנדערען, מיט פענסטער וויא שפיגעל, מיט טור־מען און אייזערנע שטאכעטען. נע, נע, דאָרט ווייס מען ניט פון קיין שלעכטע צייטען. דאָרטען סטייעט אויף געבראָטענס און געבאַקענס, אויף עקיפאַזשע און קוטשען, אויף גאָווערנאַנטקעס און ווער ווייס וואָס נאָך. זיי שטעכט דער האָבער, זיי ווייסען גאָר ניט וואס צו טאָן פון רייכקייט און צולאָזענקייט.

א נ ז א ר ג ע. אין מיינע צייטען איז דאָס גאַנץ אַנדערש געווען. דעמאָלט האָבען דיא פאבריקאַנטען נאָך געלאָזט לעבען. היינט ווילען זיי אלץ אליין פערנעהמען, דאָס קומט פון דעם, זאָג איך: דיא גרויסע לייטע גלויבען מעהר אין קיין גאָט און אין קיין טייוועל. זיי ווייסען קיין געזעצע און קיין שטראפע, זיי בעגנב׳ענען אונזער לעצט שטיקעל ברויט און אונטערגראָבען דאָס לעצטע ביסעל נאהרונג, וויא זיי קענען נור. פון דיזע לייטע קומט דאָס גאַנצע אומ־גליק. ווען אונזערע פאבריקאַנטען זאָלען זיין גוטע מענשען, וואָלטען דיא צייטען גאָר ניט געווען אזוי שלעכט.

י ע ג ע ר. הערט זיך איין, וועל איך אייך פארלעזען א שעהנע זאַך. (ער שלעפט ארויס פון קעשענע עטליכע בלעטליך פאפיער.) קום אויגוסט, לויף אין קרעצמע אריין און ברייגנ נאָך א קוואָרט. וואס לאַכסטו מיר עפעס כסדר!

מ ו ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. איך ווייס גאָר ניט וואָס טהוט זיך מיט דעם יונג, איהם איז כסדר גוט. ער לאַכט זיך כסדר אָז א פולען בויך, מעג זיך טאָן וואס ס׳וויל. (אויגוסט געהט ארויס מיט דיא ליידיגע פלאַש.)

ד ע ר א ל ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. (קייענדיג, מוטהיג אויפ־געדעגט פון דעם עסען און טרינקען.) מאָריטץ, דו ביסט אונזער מאַן.

דו קענסט לעזען און שרייבען. דו ווייסט וויא ס'זעהט אויס מיט דיא וועבער, דו האסט א הערץ פיר דיא ארימע וועבער, דו זאלסט זיך פאר אונז אננעמען.

יעגער. אויב ס'זאל נור געהן אין דעם, וואלט מיר דארויף ניט אנקומען. איך בין נור צו גערן דיא פארשיווע פאבריקאנטען אב־צושפיעלען א חתונה. איך וואלט מיר דערפון קיין גרויסען צימעס ניט געמאכט. איך בין ניט קיין שלעכטער יונג, אבער ברענגט מען מיך דאצו, און ווער איך אמאל אין כעס, דאן נעהם איך דרייסיגער'ן אין אייז האנד און דיטריכען אין דער צווייטער, און שלאג זיי דיא קעפ אזוי צוזאמען, אז פייער וואלט געפלויגען פון דיא אויגען. — ווען מיר זאלען קענען ברייגנען דאצו, אז מיר זאלען זיך אללע האל־טען איינס, דאן וואלטען מיר דיא פאבריקאנטען געקענט געבען אזא קלאפ, דאן ברויכען מיר קיין קייסער און קיין רעגיערונג, דאן קענען מיר איינפאך זאגען: דאס און דאס פערלאנגען מיר, און דאס און דאס ווילען מיר ניט האבען, דאן וואלטען זיי אנדערש געזונגען. ווען זיי זעהן, אז מען האט פאר זיי קיין מורא, האלטען זיי איין דיא לייצעס, איך קען דיא חברה! זיי זיינען אלע טרוסען.

מוטער באומערט. ס'איז טאקע אמת. איך בין א ודאי ניט שלעכט. איך בין אימער געווען דיא וואס פלעגט זאגען, אז מען מוז האבען דיא רייכע. אבער ווען עס קומט אזוי ווייט...

יעגער. פאר מיר, קען זיי דער טייוועל אלע נעמען. דיזע חברה פערגין איך עם מיט'ן גאנצען הארץ.

בערטהא. וואו איז דער טאטע? (דער אלטער באומערט איז זיך שטילערהייט ארויסגעגאנגען.)

מוטער באומערט. איך ווייס גאר ניט וויא ער איז אהין געקומען.

בערטהא. האט איהם אפשר דאס פלייש פערשאט?

מוטער באומערט. (אויסער זיך, וויינענדיג) נו, זעהט איהר שוין, זעהט איהר שוין! ער קען עס אפילו ניט פערדייען, ער וועט'ס נאך איין גאנצען אבגעבען, ס'ביסעל גוטע עסען.

דער אלטער באומערט. (קומט אריין, וויינט פאר כעס) נע, נעע, מיט מיר איז שוין באלד אוים, מיט מיר האלט עס

שוין שמאָל, אז מען דערשלאָגט זיך שוין אמאָל צו אביסעל רעכטע עסען, קען מען עס ניט פערטראָגען. (ער זעצט זיך וויינענדיג אויף דער באַנק.)

י ע ג ע ר. (כאַפּט זיך אויף פּלוצלונג, פאַנאַטיש) און דאָ ניט ווייט זיינען דאָ לייטע, ריכטער, פּיאַווקעס, וועלכע ווערען משוגע פון ליידיג געהן, דיזע לייטע ווילען אונז אויפגעגעסען, אז דיא וועבער קע־נען לעבען גליקליך, זיי זיינען בלויז צו פויל.

א נ ז א ר ג ע. דאָס זיינען גאָר קיין מענשען ניט, דאָס זיינען אונמענשען, זיינען דאָס.

י ע ג ע ר. נישקשה, מיר האָבען זיי געגעבען. איך און דער רויטער בעקער. מיר האָבען זיך אָנגעטרונקען, און איידער מיר זיינען אוועק גאָר צום סוף, האָבען מיר נאָך געזונגען דאָס בלוט געריכט.

א נ ז א ר ג ע. אָה, גאָט גאָט, איז דאָס דאָס ליעד?

י ע ג ע ר. יאָ יאָ, אָט האָב איך עס.

א נ ז אָ ר ג ע. ס'הייסט דאָך, גלויב איך, דאָס דרייסיגער ליעד אָבער וויא?

י ע ג ע ר. איך וועל עס אייך פארלעזען.

מ ו ט ע ר ב אַ ו מ ב ע ר ט. ווער האָט דען דאָס ליעד אויס־געקלערט?

י ע ג ע ר. דאָס וויים קיינער ניט. הערט זיך צו. (ער לעזט, בוכשטאַבירט וויא א חדר אינגעל, מיט א פאלשען אקצענט אָבער מיט זעהר פיעל געפיהל, פון זיין שטיממע קלינגט ארויס אלעס: פערצווייפלונג, שמערץ, כעס, האַס, ראַכע דורסט.)

מיר האָבען דאָ אזא געריכט,
נאָך ווילדער, וויא אין סדום.
און ווען מען פאלט צו איהם אריין,
דאַן איז עס, וויא אין תהום.
דער מענש ווערט לאַנגזאַם דאָ געקוועלט,
דאָ איז דיא מאַרטער־קאַמער,
דאָ ווערען זיפצען פיעל געצעלט
אלס עדות פון דעם יאַמער.

ד ע ר אַ ל ט ע ר ב אַ ו מ ע ר ט. (צו הויצט און אויפס טיעפּ־

סטע געריהרט פון דיא ווערטער פון׳ם ליעד, האָט זיך דיא גאַנצע צייט קוים איינגעהאַלטען יעגער׳ן ניט איבערצוהאַקען. נו, קען ער זיך שוין מעהר ניט איינהאלטען : ער שטאַמעלט, לאכט און וויינט צו זיין פרוי) דאָ איז דיא מאַרטער־קאַמער. ווער עס האָט געשריעבען, ווייב, דער זאָגט דעם אמת. דוא קענסט זיין אַ׳ן עדות... וויא הייסט עס דאָרט? דאָ ווערען זיפצען.... וויא?.... דאָ ווערען זיי פיעל געצעהלט...

יעגער. אלס עדות פון דעם יאממער.

דער אלטער באומערט. דו ווייסט וויפיעל מיר צו זיפצען איין טאָג וויא דעם אַנדערען, שטעהנדיג אדער ליעגענדיג.

יעגער. (לעזט ווייטער, וועהרענד אנזארגע זיצט זעהר גע־ריהרט און פערזונקען, און מוטער באומערט און בערטהא ווישען זיך כסדר דיא טרעהרען.)

גזלנים זייט איהר, דרייסיגערס,
דיא דיענער אויך ניט בעסער,
איהר שינדט דיא הויט פון יעדערען,
איהר שנייט אונז אָהז אַ מעסער.
איהר שורקען אלל׳ איהר שטן׳ס־בלוט.

דער אלטער באומערט. (ציטערענדיג פון כעס, טור־פעט מיט דיא פיס) יאָ, שטן׳ס־בלוט!!!

יעגער. (לעזט).

איהר טייוועל׳ס וואהרע קינדער
איהר פרעסט דעם קבצון׳ס האָב און גוטס
אָה, ווערט פערפלוכט אַצינדער!

אנזארגע. נו, יא יא, דאָס איז אויך אַ פערדיענטע קללה.

דער אלטער באומערט. (מאַכט אַ פויסט, סטראשענ־דיג) איהר פרעסט דעם ארמען האָב און גוט.

יעגער. (לעזט).

דאָ העלפט קיין בעטען, קיין געוויין,
כאָטש ווער דערשטיקט פון טרערען,

געפעלט אייך ניט? טאַ קענט איהר געהן
און כאַטש פערהונגערט ווערען.

ד ע ר א ל ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. וויא שטעהט'ס דאָרט? כאַטש ווער דערשטיקט פון טרערען.... יעדעס וואָרט.... דאס איז אַלעס אזוי ריכטיג וויא תורת־משה, דאַ העלפט קיין בעטען קיין געוויין.

א נ ז א ר ג ע. נו, יאַ, יאַ! נו, נעֶ, נעע! דאַ העלפט שוין ניט קיין בעטען.

י ע ג ע ר. (לעזט)

גור שטעלט זיך פאַר דיא גרויסע נויט
דעם עלענד, לאַנגען טענית,
גאַנץ אָפט פעלט אוים אַ ביסען ברויט,—
פערכאַפּט אזש אַ רחמנות.
רחמנות! אָה, אַ שעהן געפיהל,
אייך מענשען־פרעסער פרעמד,
יאַ, יעדער וויים שוין אייער ציעל:
דעם קבצן,ס הויט און העמד.

ד ע ר א ל ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. (שפּרינגט אויף, היגגעריסען וויא פון היטץ) הויט און העמד, אַלעס ריכטיג, ס'איז דיא הויט און דאַס העמד פון דיא ארעמקייט, אַט שטעה איך, ראַבערט באַומערט.

ו ו ע ב ע ר מ י י ס ט ע ר פ ו ן ק א ש ב א ך. ווער קען פאַרקומען און זאָגען: איך בין ניט געוועזען א'ן עהרליכער מענש מיין גאַנץ לעבען. נו, קוקט מיך אָן. וואס האָב איך דאפון? וויא זעה איך אויס? וואס האָבען זיי פון מיר געמאַכט? היער ווערט דער מענש לאַנגזאַם געקוועהלט! אָט דאָ, טאַפּט אָן, הויט און ביינער, איהר שורקען אַלל, איהר שטן'ס־בלוט!

א נ ז א ר ג ע. ס'מוז אַנדערש ווערען, זאָג איך. באַלד, יעצט, מיר ליידען ניט מעהר, מיר ליידען ניט מעהר, ס'מעג זיך טהון וואס ס'ווילל!

ע נ ד ע פ ו ן צ ו ו י י ט ע ן א ק ט.

פערזאָנען אין דריטען אקט:

בעקער,
מאָריטץ יעגער,
דער אלטער באומערט,
אנזאָרגע,
וועלצעל, שענקער,
פרוי וועלצעל, זיין ווייב,
אננא וועלצעל, זיין טאָכטער,
איין רייזענדער,
וויעגאנד, סטאָליאר,
האָרנינג, שמאטע קלייבער,
א פודער,
א וואלד שרייבער,
וויטטיג, א שמיד,
קוטשע, זשאנדארם,
און אנצאהל אלטע און יונגע וועבער.

דריטער אקט.

א שענק אין פעטערסוואלד. א גרויס צימער מיט א סלופ אין מוטען, וואָס שפּארט אונטער דעם באלקען. ארום דעם סלופ א טיש. רעכטס פון דעם סלופ אין דער הינטער וואנד א'ן איינגאנג־טיהר, דורך וועלכע עס זעהט זיך דער הויף, וואו עס ליגען פעססער און ברויער געצייג. רעכט פון דער טיהר, אינעווייניג, אין א ווינקעל שטעהט דאָס בופעט. א הילצערן ווענטעל, הויך ווי א מאן, מיט פּאָליצעס פאר געשיר. ווייטער ארויף א שראנק אין דער וואנד, אויף וועלכע עס שטעהן רייהען מיט פלאשען בראָנפען. צווישען דעם ווענטעל און דיא בראנפען שראנק א קליינער פלאטץ פיר דעם שענקער. פאר דעם בופעט שטעהט א טיש בעדעקט מיט א שעהן טישטוך. איין שעהנע לאָמפּ הענגט אריבער דעם טיש און עטליכע געפלאָכטענע שטוהלען שטעהען ארום. ניט וויט אוועק, אויף דיא רעכטע וואנד פיהרט א טהיר צו א צימער פאר אנגעזעהענע געסט מיט דעם אויפשריפט „וויינשטובע“. נאָך ווייטער רעכטס טיק־טאקט א'ן אלטער זייגער. לינקס פון דער איינגאנגטהיר אין דער הינטער וואנד, שטעהט איין טיש מיט פלעשער און גלעזער, און ווייטער ארויף, אין עק, שטעהט איין אויוען פון קאכלעס, דיא לינקע זייטען־וואנד האָט דריי קליינע פענסטער

אונטער וועלכע עס שטעהט א באַנק. בעפאר יעדע באַנק א גרויסער טיש מיט דיא שמאָלע זייט צום וואנד. ארום דיא ברייטע זייטען פון דיא טישען שטעהן בענק מיט אָנלעהנען, ביי די אַנדערע זייט צו האָלצערנע שטוהלען. דאָס גרויסע צימער איז בלוי געטינקט בעהאַנגען מיט פערשיעדענע אפישען און אונגעראַמטע אויל בילדער, צווישען זיי א בילד פון פריעדריך ווילהעלם דעם פיערטען. וועלצעל, אַ גוט מוטהיגער ריעז פון איבער 50 יאָהר צאַפּט אָן אַ גלאָז ביער פון׳ם פאַס; פרוי וועלצעל פרעסט ביים אויוען, זיא איז אַ שלאַנקע, ריין געקליידעטע פרוי פון אונגעפער 35 יאָהר. אַננאַ וועלצעל, זיעבעצען יעהריגע, היבשע מיידעל מיט פּראַכטפאָלע, רויט־בלאָנדע האָר און שעהן געקליידעט זיצט ביים געדעקטען טיש, בעשעפטיגט מיט העפטען, זיא הייבט אויף דעם קאָפּ אויף אַ מינוט און הערט זיך איין. פון דער וויטענס הערט זיך אַ בעגרעבעניס געזאנג פון קליינע קינדער.

מייסטער וויעגאַנד, דער סטאָליאַר, זיצט ביי דעם זעלבען טיש אין זיינע ארבייט׳ס קליידער מיט א גלאָז בייריש ביער, אין זיין פּנים זעהט מען אָן, אז ער קען זיך אויסטויגען, ווען ער וויל עטוואָס ערדייכען, נעמליך, כיטראָסט, שנעליגקייט און ריקזיכטס־לאָזיגקייט אין האַנדלען.

ביים טיש אונטער׳ן סלופּ קייט א רייזענדער געשמאַק אַ דייטשען ביפשטיק, ער איז אַ מאַן פון מיטעלען וואוקס, גוט אויסגעפּאַשעט, איז גוטען הומאָר, אויפגעלייגט צום שפּאסען, לעבעדיג און פרעך. געהט געקליידעט מאָדיש, זיין רייזע־טאַש, מוסטער־קאַסטען, שירם, איבערציהער און פלוש דעקע ליעגען אויסגעשפּרייט נעבען איהם אויף שטוהלען.

וועלצעל. (טראָגט צו דעם רייזענדען אַ גלאָז ביער, רעדט פון אַ זייט צו וויעגאַנד) ס׳טהוט זיך׳ס היינט אָב אין פּעטערסוואַלד.

וויעגאַנד. (מיט אַ שאַרפע שטימע וויא פון א אַ טראָמפּעט) היינט טראָגט מען דאָך אָב דיא ארבייט צו דרייסיגער.

פרוי וועלצעל. ס׳איז אָבער נאָך קיין מאָהל ניט געווען אזוי לעבעדיג וויא היינט.

וויעגאַנד. סע קען אפשר זיין, סע איז צוליעב דיא צוויי הונדערט נייע וועבער וואס דרייסיגער וויל יעצט צונעהמען.

פ ר ו י ו ו ע ל צ ע ל. (אלץ פרעסענדיג) יא, יא דאָס קען טאַקע זיין, ער וויל צוויי הונדערט וועט ער שוין האָבען גאַנצע זעכס הונדערט. מיר האָבען דאָ גענוג פון דיא סחורה.

ו ו י ע ג א נ ד. אָ גאָט, גאָט, גאָט. דיא לייטע זיינען איממער דאָ גענוג, סע מעג זיי נאָך אזוי שלעכט געהן, זיי שטאַרבען גאָר ניט אוים. זיי פלאָדיען אָן מעהר קינדער וויא מען קען געברויכען. (דאָס געזאַנג הערט זיך אויף א סעקונדע שטאַרקער) יעצט קומט נאָך צו דיא לויה. דער וועבער נענטוויק איז דאָך געשטאָרבען.

ו ו ע ל צ ע ל. ס'איז שוין לאַנג צייט געווען, ער לויפט שוין פון א יאָהר ארום וויא א טויטער.

ו ו י ע ג א נ ד. גלויב מיר וועלצעל, אזא קליינטשיק טרונקעלע, אזא פיצעלס, אזא גאָר ניט פון א זאך האָב איך נאָך קיין מאָל ניט צוזאַמענגעשלאָגען, דאָס איז'ס א קערפער, קיין נײַנציג פונט האָט ער ניט געוואויגען.

ד ע ר ר י י ז ע נ ד ע ר. (קייענדיג) איך פערשטעה גאָר ניט.. וואו מען טהוט זיך נור א ריהר צו וועלכע עס איז צייטונג, לעזט מען אזעלכע שוידערליכע געשיכטען פון דיא וועבער'ס נויט, אז מען קען מיינען אז דיא לייטע זיינען שוין דריי פיערטעל פערהונגערט, און ווען מען זעהט נאכהער אזא לויה..... איך בין פונקט אַנגעקומען איז דאָרף אריין, מוזיק, דער שוהל-לעהרער, שוהל קינדער, דער גלח און א מאַססע מענשען, מיין גאָט, אז מען קען מיינען, מען געהט דאָ מקבר זיין דעם כינעזישען קייזער. ווען דיזע לייטע קענען זיך דאָס נאָך פערגינען.... ! (ער טרינקט דאָס ביער, נאכדעם וויא ער שטעלט אַוועק דאָס גלאָז, מיט א לייכטזיניגקייט) איז דאָס ניט וואהר, פרויילין ? האָב איך ניט רעכט ?

א נ נ א . (שמייכעלט אין פערלעגענהייט, העפט ווייטער געשמאַק).

ד ע ר ר י י ז ע נ ד ע ר. געווים אָ פּאָר מאָרגען שוה פאר דעם העררן פאַפּאַ ?

ו ו ע ל צ ע ל. איך וואלט דיזעם אופ'ן פום ניט גענומען.

ד ע ר ר י י ז ע נ ד ע ר. איך וואלט א העלפט פון מיין פערמעגען אוועקגעגעבען, ווען דיזע פאַנטאָפעל וואָלטען געווען פאר מיר.

פ ר ו י   וו ע ל צ ע ל. פאַר דעם אָט דאָ, נו, פערשטעהט איהר, זעהר ווייניג.

וו י ע ג א נ ד. (נאָכדעם וויא ער האָט זיך עטליכע מאָל אויס־געהוסט, אונטערגערוקט דעם שטוהל. האָט ענדליך אָנגעהויבען צו רייבען) דיזער הער האָבען זיך זעהר פערוואונדערט אויסגעדריקט איבער די־זע בעגרעבענים, זאָגען זיא דאָך אליין יונגע פרוי, איז דאָס ניט אַ קליינע לויה ביי אונז ?

ד ע ר   ר י י ז ע נ ד ע ר. דאָ פרעגט זיך אבער: דאָס מוז דאָך קאָסטען אַ שלל מיט געלד, פון וואַנען נעמען דיא לייטע אזוי פיעל געלד ?

וו י ע ג אַ נ ד. זיי וועלען מיר גיטיגסט ענטשולדיגען, מייז ליעבער הערר, דאָס איז שוין אַזאַ נאַרישע איינרעדענים ביי די היגע ארמע בעפעלקערונגס קלאַססע, מיט רעספּעקט צו זאָגען. זיי מאַכען זיך אַזעלכע איבערטריעבענע פארשטעלונגען פון וועגען דיא שולדי־גען עהרפורכט און פליכטמעסיגע שולדיגקייט צו דיא פערשטאָרבע־נע. און ווען דאָס זיינען נאָך פערשטאָרבענע עלטערען איז שוין דאָס ביי זיי אַזאַ אָבערגלויבען, דאָ וועלען זיי צוזאַממען קלייבען און צו־זאַממען קראַצען פון וועמען זיי קענען נור, און וואס זיי קענען ניט צוזאַמענקראַצען, דאָס לייהט מען ביי דעם פּריץ. מען פערשולדיגט זיך איבער'ן קאָפּ; זיינע הויכווירדיגקייט דעם גלח איז מען שולדיג, דעם בעגרעבער און דיא אללע מענשען וואס איהר זעהט. און דאָס עסען און דאָס טרינקען און אלע אַנדערע זאכען וואס מען דאַרף. ס'איז זעהר שעהן און בכבוד אז קינדער רעספּעקטירען עלטערען, אָבער מען דאַרף זיך ניט אזוי פערשולדיגען אויפ'ן גאַנצען לעבען לאַנג.

ד ע ר   ר י י ז ע נ ד ע ר. ערלויבען זיא, דער גלח זאָל דאָך דאָס דיא לייטע ערקלערען.

וו י ע ג אַ נ ד. זיי וועלען מיר גיטיגסט ענטשולדיגען, מייז הערר, איך מוז דאָ ערקלערען, אַז יעדע קליינע געמיינדע ביי אונז האָט אַ'ן אייגען גאָט'ס־הויז, און מוז דעם הויכווירדיגען נשמה־פער־זאָרגער אויפהאַלטען. ביי אַזאַ גרויסע לויה האָט דיא הויכע גייסט־ליכקייט איהרען פאָרטהייל. וואָס גרעסער דיא פאַראַד ביי אַזאַ

בעגרעבעניס, אלץ מעהר פאלט צו דיא גייסטליכע. ווער עס קען דיא היגע ארבייטער־פערהעלטניסע, דער קען מיט אונגעהייערע בעשטימטהייט בעהויפטען, אז דיא גייסטליכע ווילען זעהר ניט ליידען דיא שטילע בעגרעבעניסען.

הארניג. (קומט. א קליינער מיט קרומע פיס. א טארבע אויפ־געהאנגען דורך דיא אכסלען. ער איז א סמאטע קלייבער) גוט מארגען אייך, א'ן איינפאכ'ס וואלט איך געבעטען. נו, יונגע מאמזעל, האט איהר עטוואס שמאטעוואטעדיגעס ? מאמזעל אננא! שעהנע סטענגעס, צאפ־בענדלעך, העמד בענדלעך, זאקען בענדלעך, שפיל־קעס, הארנאדעל, און העקלעך, דאס אלעס האב איך און דאס אלעס גיב איך פאר א פאר שמאטעס. (מיט א פערענדערטען טאן) פון דיא שמאטקעלעך מאכט מען שעהן, ווייס פאפיער, און אויף דיעזען פאפיער שרייבט א ליעבער שאץ א פיין בריוועל.

אננא. א, א שיינעם דאנק, איך בעדארף ניט קיין שאץ.

פרוי וועלצעל. אזא מיידעל איז דאס, זיא וויל ניט הערען פון חתונה האבען.

דער רייזענדער. (שפרינגט אויף, ווא איבערראשט פון פרייד, געהט צו צום געדעקטען טיש און ציהט אריבער דיא האנד צו אננא) דאס איז קלוג, פרייליין, טהון זיא מיר נאך. געבען זיא דיא האנד! מירביידע האבען ניט חתונה.

אננא. (רויט וויא א בוריק גיהט איהם דיא האנד) נו, איהר זייט דאך שוין פערהייראטעט ?

דער רייזענדער. בעהיטע גאט, איך מאך זיך נור אזוי, זיא דענקען, וויל איך טראג דעם רינג ? איך האב'ן בלויז אנ־געטאהן אום צו בעשיטצען מיין פערזענליכקייט פון א'ן אנפאל. פאר אייך האב איך קיין מורא (ער בעהאלט דעם רינג אין קעשענע.) — זא־גען זיא דאך איין ערנסט, פרייליין, ווילען זיא טאקע קיין מאל ניט הייראטהען, אזוי זיך א קליין ביסעל הייראטהען ?

אננא. (שאקעלט מיט'ן קאפ.)

פרוי וועלצעל. זיא וועט ניט חתונה האבען, אויסער ס'זאל טרעפען גאר אן אנטיקעל.

דער רייזענדער. נו, ווארום דען ניט ? אט האט א

רייכער שלעזישער מאגנאט חתונה געהאט מיט זיין מוטער'ס א דיענסט מיידעל, און דער רייכער פאבריקאנט דרייסיגער האָט געננו־מען א סטאראָסטע'ס אַ טאָכטער. און זיא איז ניט האלב אזוי שעהן וויא זיא זיינען, פריילין, און יעצט פאָהרט זיא ארום איז א'ן עקי־פּאזש מיט אַ קוטשער און א לאָקיי, ווארום דען ניט? (ער געהט הין און צוריק, ציהט זיך אויס און טווישט איבער דיא פיס.) איך וואלט טרינקען א גלאָז קאווע.

א נ ז אָ ר ג ע. און ד ע ר א ל ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. (קור־מען אַריין יעדער מיט אַ פּאַק, און זעצען זיך שטיל און דעמוטהיג נעבען האָרניג ביי דעם פאָדערסטען טיש, לינקס.)

ו ו ע ל צ ע ל. סקאָציל קומט! פעטער אַנזאָרגע, זעהן מיר זיך ווידער אמאָל.

ה אָ ר נ י ג. ביסט ווידער ארויסגעקראָכען פון דיין פעררוי־כערטען נעסט?

אַ נ ז אָ ר ג ע. (אונבעהאָלפען און אין פערלעגענהייט) איך האָב ווידער געגומען אַ סנאָווע.

ב אַ ו מ ע ר ט. ער וויל ארבייטען פאר 10 גראָשען.

אַ נ ז אָ ר ג ע. איך וואָלט'ס קיין מאָל ניט געטאָן. אבער דיא קאָשיק פלעכטעריי איז אויך שוין אויסגעשפּיעלט.

וו י ע ג א נ ד. ס'איז דאָך בעסער וויא גאָר נישט. ער טהוט עס דאָך נור אייך צו געבען ארבייט. איך בין זעהר גוט בעקאנט מיט דרייסיגער'ן, פאר אכט טאָג האָב איך ביי איהם ארויסגענומען דיא טאָפּעלטע פענסטער, האָבען מיר געשמועסט וועגען דעם, ער טהוט עס בלויז אויס רחמנות.

א נ ז אָ ר ג ע. נו, יא, יא, — נו, נעע, נעע.

ו ו ע ל צ ע ל. (טראָגט צו אַ גלעזעל בראָנפען יעדען וועבער) דאָ האָט איהר, נו, זאָג דאָך, אַנזאָרגע, וויא לאַנג האָסטו זיך שוין ניט גע־לאָזט ראזירען? דיזער הערר וואָלט'ס זעהר וועלען וויסען.

ד ע ר ר י י ז ע נ ד ע ר (שרייט אריבער) אַך, העררווירטה, דאָס האָב איך דאָך ניט געזאָגט, דער הערר וועבער מייסטער איז מיר נור אויפגעפאלען דורך זיין עהרווירדיגעם אויסזעהן. אזעלכע ריזיגע פיגורען, זעהט מען היינטיגע צייטען זעלטען.

א נ ז א ר ג ע. (קראַצט זיך דעם קאָפּ אין פערלעגענהייט) נו, יא, יא, — נו, נעע, נעע.

ד ע ר ר י י ז ע נ ד ע ר. אזעלכע קרעפטיגע נאַטור מענשען זיינען הייט צו טאָג זעהר זעלטען. דיא קולטור האָט אונז בעלעקט..... אָבער מיך פרייט נאָך אימער דאָס אורשפּרינגליכע, דאָס נאַטירליכע. ס'אַרע פּערוואַכסענע ברעמען! ס'אַרע ווילדע באָרד...

ה אָ ר נ י ג. נו, פערשטעהט איהר מיך, ווערטהער העררּ, איך וועל אייך זאָגען: דיא לייטע קענען זיך ניט פערגינען צו געהן צו אַ ראַזירער, און צו אַ'ן אייגען ראַזיר־מעסער, קענען זיי זיך אין לעבען ניט דערשלאָגען. וואָס וואַכסט, וואַכסט. מיט דער אויסזעהן, קענען זיי זיך ניט אָבגעבען.

ד ע ר ר י י ז ע נ ד ע ר. אָבער איך בעט אייך מיין ליעבער מאַן, וויא וואָלט איך.... (שטיל צום שענקאר) קען מען דעם האָריגען מענשען אָנבאָטען אַ גלאָז ביער?

ו ו ע ל צ ע ל. זאָל גאָט היטען, ער נעמט ניט. ער האָט זיך זיינע קאָמישע גענגע.

ד ע ר ר י י ז ע נ ד ע ר. נו, איז ניט. ערלויבט, ליעבע פּרוויליין (ער זעצט זיך נעבען געדעקטען טיש.) איך קען אייך פערזיכערען, אַז אייערע האָר שטעכען מיך אין דיא אויגען, זייט איך בין אריינגעקומען. דער מאַטטער גלאַנץ, דאָס ווייכקייט, דיא פולקייט! (ער קושט ענטציקט דיא שפּיצען פון זיינע פינגער) און דיא פארב..... וויא רייפע ווייצען, ווען איהר זאָלט מיט דיעזע האָר קומען נאָך בערלין, איהר וואָלט אַ וועלט אויפגערודערט. אויף מיין עהרען וואָרט, מיט דיזע האָר קענט איהר זיך ווייזען פאר דעם קייזער..... (ער בייגט זיך איבער און בעטראַכט דיא האָר) פּראַכטפאָל, איינפאַך פּראַכטפאָל.

ו ו י ע ג א נ ד. דאַדורך האָט זיא דאָך אַזאַ שעהנעם צונאָמען געקריגען.

ד ע ר ר י י ז ע נ ד ע ר. וויא רופט מען זיא דען?

א נ נ א. (האַלט אין איין לאַכען אין זיך) אָ הערט איהם ניט!

ה אָ ר נ י ג. דאָס איז דאָך דער פוקס, ניט וואהר?

ו ו ע ל צ ע ל. נו, הערט דאָך שוין אויף, איהר וועט מיר דעם מיידעל גאָר פערדרייען דעם קאָפּ. מען האָט איהר שוין אַזוי אויך

גענוג קאפריזען אריינגעהאקט איז קאפּ אריין. היינט וויל זיא א גראף, מארגען זאל עס שוין זיין א פּירשש.

פּ ר ו י ו ו ע ל צ ע ל. מאך נור ניט דאס מיידעל אזוי שלעכט, אלטער! ס'איז ניט קיין חטא ווען א מענש וויל ווייטער קומען. ווען דיא גאנצע וועלט זאל דענקען וויא דו דענקסט, וואלט זיך קיינער ניט געריהרט פון פלעק, וואלטען אלע געבליעבען זיטצען. ווען דריי־סיגער'ס זיידע זאל אזו דענקען, וואלט ער געבליעבען א'ן ארימער וועבער, איצט זיינען זיי שטיינרייך, דער אלטער טראמטרא איז אויך ניט מעהר געוועזען וויא אן ארימער וועבער, יעצט האט ער צוועלף גי־טער און איז נאך געווארען אן אדעליגער.

ו ו י ע ג א נ ד. גערעכט, אלץ גערעכט, וועלצעל. איז דער זאך איז דיין ווייב אויף דעם רעכטען וועג. אויף דעם קען איך דיר גוטשטעהן, וואלט איך געדענקט וויא דו, וואו וואלט איך היינט גע־וועזען ?

ה א ר נ י ג. דו ווייסט שוין וואס צו טאן, דאס קען מען דיר ניט פערלייקענען, דער וועבער גייט נאך ארום אויף צוויי פיס, מאכסטו איהם שוין א טרונע.

ו ו י ע ג א נ ד. ווער ס'וויל מיט מאכען, מוז זיך וויסען וויא צו האלטען.

ה א ר נ י ג. יא, יא, דו ווייסט זיך שוין וויא צו האלטען דו ווייסט נאך פריהער וויא דער דאקטאר, ווען דער טויט דארף קומען צו א וועבער־קינד.

ו ו י ע ג א נ ד. (לאכט שוין קוים, ווערט פלוצלונג מלא רציחה) און דוא ווייסט בעסער פון דער פאליציי, ווען דיא וועבער בעהאלטען עטליכע שפולען גארן. דו געהסט ארום נאך שמאטעס און נעמסט אביסעל גארן ווען עס לאזט זיך.

ה א ר נ י ג. און דיינע ווייצען בליהען אויפ'ן בית עולם. וואס מעהר עס געהען שלאפען אויף דיא שפענער, אלץ בעסער פאר דיר. ווען דו זעהסט דיא מאססע קינדרישע קברים'לעך, פאטשטו זיך איבער דעם בייכעל און זאגסט : היי־יאהר איז געוועזען א גוט יאהר, דיא עופ'עלעך זיינען געפאלען וויא דיא פליגען, קען איך מיך ווידער צו לייגען א קווארט יעדע וואך.

וויעגאנד. מיט גנבות האָב איך נאָך פון דעסטוועגען קיין מאָהל ניט געהאַנדעלט.

הארניג. דו מאַכסט העכסטענס צוויי מאָל דעם זעלבען רעכנונג אַ רייכען בארכענט פאַבריקאַנט, אָדער פערטראָגסט אַמאָל עטליכע ברעטלעך פון דרייסיגערס געביידע, ווען דיא לבנה שיינט גראד ניט.

וויעגאנד. (קעהרט זי אָב פון איהם) רעד מיט ועמען דו ווילסט, נור ניט מיט מיר. (פּלוצלונג) געמיינער ליעגנער!

הארניג. מתים־סטאַליאר!

וויעגאנד. (צו דיא אַנוועזענדע) ער קען בהמות פער־כשוף'ען.

הארניג. היט זיך בעסער, זאג איך דיר, אז ניט מאך איך מיין צייכען. (וויעגאנד ווערט בלאס).

פרוי וועלצעל. (איז געווען אַרויסגעגאַנגען. יעצט שטעלט זיא אַנידער קאַווע פאר דעם רייזענדען) זאָל איך ליעבער דיא קאַווע אריין טראָגען אין'ם שטיבעל?

דער רייזענדער. וואס פאלט איך איין! (מיט אַ שמאַכטענדען בליק אויף אננאַ.) דאָ וויל איך זיצען ביז אין מיין טויט אריין.

איין יונגער וואלד־שרייבער און איין פויער. (דער לעצטער מיט אַ בייטש אין האַנד, קומען אריין. ביידע.) גאָט העלף. (זייא בלייבען שטעהן ביים בופעט).

דער פויער. גיט אונז צווייא שנאַפּסען.

וועלצעל. וואָס מאַכט מען? (ער גיסט איין; דיא בראַנ־פען, דיא ביידע נעהמען דיא גלעזלעך, שלאָגען אָן איינ'ס אין ס'אַנדערע, טרינקען צו ביסלעך און שטעלען זיי אויף דעם בופעט.)

דער רייזענדער. נו, הער וואלד־שרייבער, אַ גוטע רייזע געמאַכט?

דער וואלד־שרייבער. נישט קשה. איך קום פון שטיינזייפערסדאָרף.

(ערשטער און צווייטער אַלטער וועבער קומען און זעטצען זיך נעבען אנזארגע, בעאומערט און האַרניג)

ד ע ר ר י י ז ע נ ד ע ר. ענטשולדיגען זיא, דיענען זיא בײ'ם גראף האכהיים ?

ד ע ר וו א ל ד־ש ר י י ב ע ר. איך בין ביי גראף קעיל.

ד ע ר ר י י ז ע נ ד ע ר. יא, יא, דאס מיין איך טאקע ס'זיינען ביי אייך פאראן אזוי פיעל גראפען און באראנען או; פרייהעררען, אז מען מוז האבען א געוואלדיגען זכרון דאס אלעס צו געדענקען. צו וואס טראגט איהר דאס דיא האק, הערר וואלד־שרייבער ?

ד ע ר וו א ל ד־ש ר י י ב ע ר. דיא האב איך צוגענומען ביי האלץ־גנבים.

ד ע ר א ל ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. אונזערע פריצים היטען צופיעל אפ, יעדעם שטיקעל האלץ.

ד ע ר ר י י ז ע נ ד ע ר. ערלויבען זיא דאך, דאס קען דאך אנדערש ניט זיין, ווען יעדער איינער זאל וועלען נעמען....

ד ע ר א ל ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. מיט ערלויבענים צו ריידען, דא איז עס וויא איבעראל מיט דיא גרויסע און קליינע גנבים. מיר האבען דא אזעלכע וואס פיהרען א גרויסען האלצהאנדעל און ווערען רייך פון גע'גנב'עטען האלץ. ווען אבער א'ן ארעמער וועבער....

ע ר ש ט ע ר א ל ט ע ר וו ע ב ע ר. (האקט איבער באומערט'ן) מיר טארען קיין צווייגעל ניט ריהרען. אבער דיא הערשאפטען, זיי וויסען זיך שוין וויא מיט אונז צו בעגעהען, זיי שינדען דיא פעל איבער דיא אויערען. צאהלען מוז מען שוטץ געלד און שפינגעלד, אויפ'ן פעלד ארבייטען, אומזאנסטע געגג לויפען און פעררינכטען הויף ארבייט, צו מען וויל צו ניט.

א נ ז א ר ג ע. אזוי געהט עס שוין. וואס דער פאבריקאנט לאזט איבער, נעהמט דער פריץ ארויס פון קעשענע.

צ וו י י ט ע ר א ל ט ע ר וו ע ב ע ר. (האט זיך געזעצט ביי דעם נעבענ־טיש) איך האב עס דעם גנעדיגען הערר אליין געזאגט. זיא וועלען מיר גיטיגסט פערצייהען, הערר גראף, זאג איך, דאס יאהר קען איך ניט מאכען אזוי פיעל הויף־טעג. איך פער'עקשען זיך ניט. פאר וואס דען ? אבער זיא מוזען ענטשולדיגען, דא:

וואסער האָט מיר אַלעם חרוב געמאַכט. דאָס ביסעל וואָס איך האָב פערזייט האָט'ס אין גאַנצען אָוועקגעריסען. איך מוז ארבייטען טאָג און נאַכט פאַר דעם שטיקעל חיונה. אַזאַ שטראָם... מענשען מענשען! איך בין נור געשטאַנען און געבראכען די הענד. און דער שעהנער גרונד, שטיקער ווייז האָט ער זיך אָפּגעריסען און גע־קייקעלט זיך איבער די בערג גלייך אין מיין האַטקע אַריין. און די שעהנע טהייערע זאַכען!.... אָ, גאָט, גאָט איך האָב אין די וואלקען אריינגעקלאָגט, און גאַנצע אַכט טאָג האָב איך אַזוי געוויינט, אַז איך קען שוין ניט זעהען אויף מיינע אויגען.... און דערנאָך ווידער, דאָס אַרויפשלעפּען די ערד אויף די געבערג.

דער פויער. (רויט) זעהט די קנות וואָס ער קלאָגט דאָ. וואָס גאָט שיקט צו, מיט דעם מוזען מיר זיך צופריעדען שטעלען. און אַז אייך געהט שלעכט, זייט איהר אין דעם אַליין שולדיג. ווען מיר האָבען געהאַט גוטע צייטען, וואָס האָט איהר דאַן געטאָן? אַלעס פערשפּיעלט און פערזאָפּען. וואָלט איהר דע־מאָלט געשפּארט, וואָלט איהר דאַן געשפּאָרט וואלט איהר היינט געהאַט אין אַ נויט. וואָלט איהר ניט בעדארפט גנב'ענען קיין קאָרן און קיין האָלץ.

ערשטער יונגער וועבער. (וועלכער שטעהט אין דרויסען מיט עטליכע חברים, שרייט אריין הויך דורך די טהיר) אַ פויער בלייבט אַ פויער, ווען ער זאָל אַפילו שלאָפען ביז האַלבען טאָג.

ערשטער אַלטער וועבער. אַזוי געהט עס יעצט: דער פויער און דער פריץ ציהען ביי דעם זעלבען שטריק. וויל אַ וועבער האָבען אַ שטיקעל וואָהנונג, קומט דער פויער און זאגט: דאָ האָסטו אַ לאָך צום וואָהנען, און דערפאַר בעצאָהלסטו מיר אַ שעהנעם צינז און העלפסט מיר אריין ברייננגען מיין היי און מיין תבואה. און ווען דו ווילסט ניט, קענסט זיך געהן געזונדערהייט. געהסטו צום צווייטען, הערסטו דעם זעלבען פזמון.

באומערט. (מיט כעס) אַלע גריזשען פון אונז.

דער פויער. (אויפגערעגט) אָ, איהר פערהונגערטע

נבלות, צו וואָס טויגט איהר דען? קענט איהר ציהען א'ן אקער־אייזען? קענט איהר מאכען א גלייכען שניט מיט'ן אקער אייזען. אָדער א בינטעל תבואה אויף א וואָגען ארויפלייגען? איהר טויגט דאָך נור צו פוילענצען און צו ליגען ביי די ווייבער. איהר טויגט צו קיין זאך ניט, איהר זייט ליידיגגעהער. (ער בעצאָהלט און געהט אוועק, דער וואָלד־שרייבער געהט נאָך. וועלצעל, דער סטאָליאַר און פרוי וועלצעל לאַכען אויף'ן קול, דער רייזענדער לאַכט, ווען דאס לאַכען הערט אויף ווערט שטיל.)

ה אָ ר נ י ג. אזא פויער איז דאָך וויא א'ן אמת'ער אָכס.... ווען איך זאָל ניט וויסען וואסער נויט דאָ איז! ווייטער ארויף, אויף דיא געבערג, וואָס זעהט מען זיך דאָרט ניט אָן? צו פיער און צו פינף ליעגען זיי גאַנץ נאַקעט אויף איין שטרוי זאַק.

ד ע ר ר י י ז ע נ ד ע ר. (מיט אַ ווייך קול) ערלויבען זיא מיין ליעבער מאַן, וועגען דיא נויט איז דיא געבערג זיינען דאָ פער־שיעדענע מיינונגען. ווען זיא וואָלטען קענען לעזען......

ה אָ ר נ י ג. איך קען אזוי גוט לעזען דיא גאַזעטען וויא זיי. נע, נעע, איך קען עס וויסען, איך בין גענוג ארומגעקראָכען צווישען דיא לייטע, ווען איינער טראָגט פיערציג יאָהר זיין קאָפּ־שטיק אויף דעם קארק, לערנט מען זיך שוין ענדליך עטוואס אויס. וויא איז עס דען געוועזען מיט פוללערען? דיא קינדער האָבען געקליבען פון דיא מיסטען צוזאַממען מיט דיא שכנים'ס גענז. געשטאָרבען זיי־נען זיי נאַקעט אויף דיא שטיינער. פערשטונקענעם חלב האָבען זיי געגעסען פון הונגער, צו הונדערטע און הונדערטע זיינען זיי אומגע־קומען פון הונגער.

ד ע ר ר י י ז ע נ ד ע ר. וואָלטען זיא געקענט לעזען, וואָל־טען זיא געוואוסט, אז דיא רעגיערונג האָט גענומען גאַנץ גענוי נאָכפאָרשען, און דאָס...

ה אָ ר נ י ג. דאָס ווייס מען שוין, דאָס ווייס מען שוין; דאָ קומט אראָב צו פאָהרען א גרויסער פריץ פון דער רעגיערונג, וועל־כער ווייס שוין אלעס בעסער, נאָך איידער ער האָט געזעהען, געהט זיך אביסעל ארום אין דאָרף וואו דאס טייכעל פליסט און וואו דיא שעהנע הייזלעך שטעהען, ווייטער האָט ער מורא צו געהן, ער זאָל

זיך ניט פערשמירען דיא אויסגעפוצטע שטיוועלעך. נו, דענקט ער זיך, ער האָט שוין יוצא געווען, ס'איז מסתמא איבעראל אזוי שעהן. זעצט ער זיך אריין אין זיין קארעט, פאָרט אהיים און שרייבט קיין בערלין, אז עס איז גאָר קיין אָרימקייט ניטאָ. ווען ער וואָלט געהאט אביסעל מעהר געדולד — און וואלט געהן אביסעל טיעפער אין דעם דאָרף, איבער דעם טייך, אָדער אויף דיא אנדערע זייט וואו עס שטעהן דיא קליינע כאלופּקעלעך, אָדער דיא אלטע חורבות אויף דיא בערג, וועלכע זיינען אזוי שווארץ און האלב איינגעפאלען, אז עס איז א שאָד א צינדהעלצעל זיי אונטערצוצינדען, דאן וואלט ער אנדערש געשריעבען קיין בערלין, צו מיר זאָלען זיי קומען, דיא הערען פון דער רעגיערונג וועלכע ווילען ניט גלויבען, אז דאָ איז פאראן נויט. איך וואָלט זיי שוין אויפגעצייגט. איך וואלט זיי דיא אויגען אויפגעקניפּט. אין אלע דיא הונגערנעסטען.

(אין דרויסען הערט זיך דאָס וועבער ליעד זינגען.)

וועלצעל. זיי זינגען שוין ווידער דאָס טייוועלשע ליעד.

וויעגאנד. זיי שטעלען דאָס גאנצע דאָרף מיט'ן קאָפּ אראָב.

פרוי וועלצעל. ס'טראָגט זיך עפּעס ארום אין דיא לופט.

(יעגער און בעקער געארמט, נאָך זיי א גאנצע חברה יונגע וועבער, קומען אריין אין הויף מיט א געשריי, און נאכהער אין שענק.)

יעגער. שוואדראָן, האלט! אבגעזעסען! (דיא אנגעקומענע זעצען זיך אָרום דיא פערשידענע טישען, וואו עס זיצען שוין וועבער און הייבען אָן מיט זיי צו שמועסען.)

האָרניג. (צו בעקער'ן) וואָס טהוט זיך עפּעס ביי אייך, וואס איהר שלעפּט זיך ארום גאנצע באנדעם?

בעקער. (מיט בעדייטונג) אפשר וועט זיך עפּעס טאָן, איז וואהר, מאָריטץ?

הארניג. נאָך דאָס פעהלט! מאכט נור ניט אָן קיין צרות.

בעקער. ס'איז שוין בלוט גערינען. ווילסט זעהן? (ער שאָרט ארויף דעם אָרבעל און ווייזט איהם בלוטיגע צייכען פון פּאקען

אויף דעם אַרם. דאס זעלבע טהוען פיעלע יונגע וועבער ארום דיא אַנדערע טישען.)

ב ע ק ע ר. מיר זיינען געוועזן ביים פעלדשער שמיט, פאַרקען שטעלען.

ה אָ ר נ י ג. איצט איז עס קלאָר וויא דער טאָג. ס'איז שוין גאָר ניט קיין וואונדער וואס דאָ טהוט זיך אזוי אָב אין אלע גאסען, ווען אין דאַרף שליאָנדערען זיך ארום אזעלכע צרות.

י ע ג ע ר. (מיט גביר'שע גאוה. אויפ'ן קול) גיב צוויי קוואַרט, וועלצעל! איך צאָהל, מיינסט אפשר איך האָב ניט דיא פויטיקע? נו, נו, קענסט לאַנג ווארטען. ווען מיר זאלען וועלען, קענען מיר טרינקען בראָנפען און גיסען קאווע ביז מארגען און דער פריה, אזוי גוט וויא א רייזענדער. (דיא יונגע וועבער צולאַכען זיך.)

ד ע ר ר י י ז ע נ ד ע ר. (מיט קאָמישע ערשטוינונג) מיינען זיי אונז אדער מיינען זיי מיך? (דער באלעבאָס, דיא באלעבאָסטע, דיא טאָכטער, וויעגאנד און דער רייזענדער לאכען.)

י ע ג ע ר. איך מיין דעם, וואס פרעגט זיך.

ד ע ר ר י י ז ע נ ד ע ר. ערלויבען זיא דאָך, יונגער מענש, אייערע געשעפטען שיינען צו געהן גאַנץ גוט.

י ע ג ע ר. איך קען זיך ניט בעקלאָגען, איך בין רייזענדער, איך מאַך שותפות מיט'ן פאבריקאנט, וואָס מעהר דער וועבער הונגערט, אַלץ מעהר עס איך. וואָס גרעסער דיא נויט, אַלץ גרעסער מיין ברויט.

ב ע ק ע ר. דאָס האָסטו גוט געזאָגט, זאָלסט לעבען, מאָריץ.

ו ו ע ל צ ע ל. (האָט געבראכט דעם בראָנפען, צוריק געהענדיג צום בופעט, בלייבט ער שטעהן, ווענדעט זיך לאַנגזאַם, פלעגמאַטיש און געמעסיגט צו דיא וועבער. גאַנץ רוהיג אָבער שטרענג.) לאָזט דאָך דיזען מאַן צופריעדען, ער האָט דאָך אייך גאָר נישט, נישט געטאָן.

ש ט י מ מ ע פ ו ן י ו נ ג ע ו ו ע ב ע ר. מיר טהוען דאָך איהם אויך גאָר ניט. (פרוי וועלצעל האָט גערעדט עטליכע ווערטער מיט דעם רייזענדען. זיא נעהמט דיא טאַססע קאַווע און טראָגט זיא אריין אין דעם אַלקער. דער רייזענדער געהט איהר נאָך אונטער דעם געלעכטער פון דיא וועבער.)

ש ט י מ מ ע פ ו ן ו ו ע ב ע ר. (זינגען)
גזלנים זייט איהר, הרייסיגערס,
דיא דיענער אויך ניט בעסער.

ו ו ע ל צ ע ל. פסט... פסט! דאָס ליעד קענט איהר זינגען וואו איהר ווילט, אין מיין הויז וויל איך דאָס ניט הערען.

ע ר ש ט ע ר א ל ט ע ר ו ו ע ב ע ר. ער האָט גאַנץ רעכט. הערט אויף צו זינגען.

ב ע ק ע ר. (שרייט) אָבער פאר דרייסיגערען מוזען מיר נאָך אמאָל פארפייגעהן, ער מוז נאָך הערען דאָס ליעד.

ו י ע ג א נ ד. טרייבט עס נור ניט צו ווייט. ער זאָל אייך פור ניט שלעכט פערשטעהן. (געלעכטער און האָהאָ.)

ד ע ר א ל ט ע ר ו ו י ט ט י ג. (איין גראָהער שמיעד, מיט'ן בלויזען קאָפּ אין אַ לעדערנעם פאַרטוך, הילצערנע שיך, פירשמירט וויא נור וואס פון דער ארבייט. קומט אריין און ווארט ביים בופעט אויף אַ גלעזעל בראָנפען.) לאָזט זיי דאָך שפּיעלען. דיא הינד וואס בילען, דיא בייסען ניט.

ש ט י מ מ ע ן פ ו ן א ל ט ע ו ו ע ב ע ר. „וויטטיג איז דאָ". „וויטטיג, וויטטיג". „קום אהער וויטטיג, זעץ זיך ביי אונז" „קום אהער צו אונז, וויטטיג".

ו ו י ט ט י ג. איך וועל זיך נאָך גוט מישב זיין מיט אזעל־כע חברה זיך צו זעצען.

י ע ג ע ר. קום, טרינק מיט.

ו ו י ט ט י ג. האַלט זיך מיט דיין בראַנפען. ווען איך וויל טרינקען, קען איך אַליין בעצאָהלען, (ער זעצט זיך מיט זיין גלעזעל בראָנפען צו באומערט און אַנזאָרגע. קלאַפּט אַנזאָרגע איבער'ן בויך.) וואס פרעסט א וועבער? זויער קרויט און הינד פלייש.

ד ע ר א ל ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. (מיט היץ) נו, וויא דען, און ווען אזוי, און אז מען איז ניט צופריעדען דאמיט?

ו ו י ט ט י ג. (מאַכט זיך פערוואונדערט, גלאָצט דום דיא וועבער אָן) נו, נו, נו, היינערלע, ביזטו דאָס? (פלאַצט ארויס מיט א געלעכטער) מענשען, מענשען, איך פלאַטץ פון געלעכטער, דער אל־טער באומערט געהט מאַכען א בונט. דאַ וועלען מיר עס האָבען:

איצט הייבען דיא שניידער אָן, נאָך דעם קומען דיא שעפּסען, דאַן קומען דיא מייז מיט דיא ראַטען. אוי, רבונו של עולם, דאָ ווערט זיך דאָס אביסעל טהאָן. (ער קען זיך ניט איינהאַלטען פון לאַכען.)

דער אלטער באומערט. איך בין פון דעסטוועגען נאָך אימער דער אייגענער וואָס פריהער. איך זאָג איצט נאָך, ווען ס׳זאָל געהן מיט גוטען, וואָלט געוועזען בעסער.

וויטטיג. א מכה וועט׳ס געהן! ניט מיט גוטען. וואו איז דאָס אזעלכעס געגאַנגען מיט גוטען? איז עס אין פראַנקרייך געגאַנגען מיט גוטען? האָט ראָבעספּיער געגלעט דיא רייכע אי־בערן׳ן בייכעל? דאָרט האָט׳ס געהייסען: אוועק מיט אלע, אויף דיא גיליאָטינע! דאָס מוז געהן וויא געשמירט. דיא געבראָטענע טויבען פליהען ניט אין מויל אריין.

דער אלטער באומערט. ווען איך וואָלט כאָטש קענען וויא עס איז אויסקומען......

ערשטער אלטער וועבער. אונז איז שוין געקור־מען דאָס וואסער ביז צום האַלדז, וויטטיג.

צווייטער אלטער וועבער. מע מעג שוין באַלד גאָר ניט אהיים געהן. צו מען האָרעוועט, צו מען לייגט זיך שלאָפען, מען הונגערט אַלץ

ערשטער אלטער וועבער. אין ד׳רהיים ווערט מען גאָר משוגע.

דער אלטער אנזארגע. מיר איז שוין גאָר אַלץ איינס, אזוי, צו אזוי.

שטיממע פון אלטע וועבער. (מיט פערגרער־סערטע אויפרעגונג.) „מען האָט אין ערגעץ ניט קיין מנוחה. „מען האָט גאָר ניט דעם קאָפּ צו דער ארבייט״. אויבען ביי אונז איז שטיינק׳נצענדאָרף זיצט איינער שוין א גאַנצען טאָג ביים וואסער, נאַקעט וויא די מאַמע האָט איהם געהאט, און וואַשט זיך. דעם האָט עס שוין גאָר פערדרייט דעם קאָפּ.

דריטער אלטער וועבער. (הייבט זיך אויף וויא א רוח נבואה וואָלט אין איהם אריין. טייטעלט מיט דעם פינגער און זאָגט) א דערנעהנטערט אייך ניט צו דיא רייכע און צו דיא שטאָלצע!

משפט טראָגט זיך ארום אין דיא לופט! אדני צבאות.... (איניגע לאַבען, מען שטופּט איהם אויף זיין שטוהל.)

וועלצעל. ער דארף נור איין גלעזעל בראָנפען מישט זיך איהם באלד אין קאָפּ.

דריטער אלטער וועבער. (כאַפּט זיך ווידער אויף) דאָך, האָ! זיי גלויבען ניט אין קיין גאָט, אין קיין הימעל און קיין גהינם, זיי שפּעטען פון דער אמונה....

ערשטער אלטער וועבער. זאָל דאָך שוין זיין גענוג, זאָל!

בעקער. דו לאָז דאָך דעם מאַן זאָגען זיין תפילה, ס'קען זיך איינער אראָבנעמען א מוסר.

פּיפֿלע שטיממען. (אין געטומעל) „לאָזט'ן ריידען! „לאָזט'ן!“

דריטער אלטער וועבער. (מיט פערהעכערטען קול) דעריבער איז דאס גהינום פול מיט נקמה, ווייט אָפען צו פערשלינגען דיא נשמות פון אלע דיא וואס קוועלען דעם אָרמען און פערגוואלדעווען דאָס רעכט פון דעם עלענדען, אזוי זאָגט אדני צבאות.

(א געטומעל).

דער דריטער אלטער וועבער. (דעקלאַמירט פלוצלונג וויא א חדר אינגעל.)

און דאָך וויא וואונדערבאר געהט'ס,
ווען מען וויל עס גוט בעטראַכטען,
ווען מען דעם ליינוועבערס ארבייט וויל בעטראַכטען!

בעקער. מיר זיינען אָבער בארכענט וועבער.

(געלעכטער.)

האָרניג. א ליינוואנד וועבער געהט עס נאָך פיעל ערגער. דיא שלעפען זיך בלויז ארום צווישען דיא געבערג וויא דיא מתים. איהר דאָ האָט נאָך וויינינגסטען אביסעל צו מורמלען.

וויטיג. מיינסטו אז דאָס איז שוין דאָס ערגסטע? דאָס ביסעל כוח וואס איהר האָט נאָך, וועט דער פאבריקאנט נאָך אין גאנצען פון אייך ארויסטרייבען.

ב ע ק ע ר. ער האָט דאָך געזאָגט : דיא וועבער וועלען נאָך
ארבייטען פאר קליענע ברויט.

(געטומעלט)

פ ע ר ש י ע ד ע נ ע א ל ט ע א ו ן י ו נ ג ע ו ו ע ב ע ר,
ווער האָט דאָס געזאָגט ?

ב ע ק ע ר. דאָס האָט דרייסיגער געזאָגט, איבער דיא וועבער.

א י י ן י ו נ ג ע ר ו ו ע ב ע ר. אזא הונט, איהם דארף מען דאָך אויפהייננגען.

י ע ג ע ר. העך מיך אוים, וויטטיג, דוא האָסט דאָך אימער אזוי פיעל גערעדט פון דיא פראנצויזישע רעוואלוציאָן. דו האָסט אימ׳מער געהאט א פול מויל. נו, קען זיך אפשר באלד מאכען א געלעגענהייט ארויסצוצייגען וואס איינער איז, צו האָט ער נור א גרויס מויל, אָבער צו איז ער טאַקע א׳ן עהרענמאַן.

ו ו י ט ט י ג. (צוקאָכט זיך פון כעס) נאָך איין וואָרט, סמאַרקאַטש ! האָסטו ווען געהערט קוילען פייפען ? ביסטו אמאָל געשטאַנען אויף׳ן פּאָסט אין א שונא׳ס לאַנד ?

י ע ג ע ר. נו, צוקאָך זיך ניט אזוי, מיר זיינען דאָך גוטע ברידער. איך האָב עס גאָר ניט געמיינט אזוי שלעכט.

ו ו י ט ט י ג. איך שפּיי אויף אזא גוט ברודערשאַפט. דו אויפגעבלאָזענער זאַק !

ז ש א נ ד א ר ם ק ו ט ש ע. (קומט אריין)

פ י ע ל ע ש ט י מ מ ע ן. פשט, פשט, פּאָליציי ! (עס ווערט געצישט אַ צייט אוידער עס ווערט שטיל.)

ק ו ט ש ע. (זעצט זיך ביים טיש אַרום דעם מיטעלסטען סלופּ. אַלע שווייגען שטיל.) א קליינ׳ם קאָרן בראַנפען, איך בעט אייך.

(ווידער גאַנץ שטיל).

ו ו י ט ט י ג. נו, קוטשע ביסט טאַקע געקומען צו אונז אין דיא רעכטע צייט.

ק ו ט ש ע. (קוקט זיך ניט אום אויף וויטטיג) גוט מאָג׳ן, מייסטער וויעגאַנד.

וויעגאנד. (שטעהט נאָך אַלץ ביים בופעט) אַ שעהנעם דאנק, קוטשע.

קוטשע. וויא געהט'ס געשעפט ?

וויעגאנד. א דאנק פאר'ן פרעגען.

בעקער. דער פערוואַלטער האָט מורא, מיר זאָלען זיך ניט פערדאַרבען דעם מאָגען פון דיא צו פיעל שכירות, וואָס מיר קריגען.

(געלעכטער)

יעגער. ס'איז אמת, וועלצעל, מיר האָבען דאָך אַלע געגעסען שווייגען פלייש און געפרעגעלטע פּאַרפעל און זויער־קרויט. און יעצט פערטרינקען מיר מיט שאַמפּאַניער ווייז.

(געלעכטער)

וועלצעל. דיא זון שיינט הינטען ארום.

קוטשע. ווען מען זאָל אייך אפילו געבען שאַמפּאַניער מיט געבראָטענעס, וועט איהר נאָך אַלץ ניט צופריעדען זיין. איך האָב קיין שאַמפּאַניער און לאָז מיך אויך בעגניגען.

בעקער. (איבער קוטשע'ס נאָז) ער בעגיסט זיין רויטע אוגערקע מיט בראַנפען און ביער. פון דעם ווערט זיא צייטיג.

(געלעכטער)

וויטטיג. אַזאַ זשאַנדאַרם האָט זעהר א שוועהר לע־בען. א מאָל מוז ער א פאַרהונגערטען בעטלער אריין פּאַקען אין לאָך אריין. אַנאַנדערש מאָל מוז ער זיך נעבעך בעמיהען און זיין אַרימע פרוי גוט אָנשלאָגען, אַז זיא קען קוים מיט'ן לעבען אַנט־לויפען און פאַר שרעק זיך בעהאַלטען ביי א שכן ; ווידער, מוז ער ארום רייטען אויף אַ פערד אָדער גאָר שלאָפען ביז ניין אַ זייגער ; דאָס איז גאָר ניט קיין לייכט לעבען !

קוטשע. דו זאָלסט נור ריידען. דו וועסט זיך נאָך אַ מאָל צו עפּעס דערריידען. מען וויים שוין פון לאַנג וואָסער גוטער ברודער דו ביסט. דיין אויפהעצערישער פּיסק איז שוין בעקאַנט ביז צום לאַנדראַטה. איך קען דאָ איינעם וואס וועט מיט זיין שיכור'ן און ארום ליעגען איז דיא קרעטשמעס זיך נאָך בריינגען

אין תפיסה אריין, און זיין ווייב און קינד צו בעטעל ברויט. ער וועט אזוי לאנג העצען און העצען, ביז ס'וועט נעמען א סוף צו דיא שרעקען.

ו ו י ט ט י ג. (לאכט ביטער אויס) ווער ווייס וואס ס'קען נאך טרעפען ? דאס לעצטע קען גראדע מקוים ווערען. (פלאצט ארויס צארניג) קומט עס אבער דערצו, וועל איך וויכען, ווען איך האב עס צו פערדאנקען, וועל איך וויסען, ווער עס האט מיך בערעט ביי דיא פאבריקאנטען און ביי דיא הערשאפ־טען, און מיך פערשווארצט און פערלוימדעט, אז איך בעקום ניט א שטאך ארבייט מעהר — ווער עס האט אויפגעהעצט געגען מיר דיא פויערען און דעם מילנער, אז איך קריג ניט דיא גאנצע וואך א פערד צו קאווען, אדער א רייף אויף א ראד אנצושלאגען. איך ווייס ווער דאס איז. איך האב דיעזע נידערטרעכטיגע קאנאליע א מאל פון פערד אראבגעשלעפט, ווייל ער האט געשלאגען א קליין נאריש אינגעל מיט א ראפניק פאר עטליכע גרינע בירנעס. און איך זאג דיר, דו קענסט מיך, ברייגנסטו מיך אין תפיסה אריין, דאן מעגסטו באלד שרייבען דיין צואה. לאמיך נור עטוואס דאפון הערען, כאפ איך וואס ס'וועט מיר נור קומען אונטער דיא האנד, א פאדקאווע צו א האממער, א שפיצע פון א ראד צו א'ן עמער, און זוך דיך אויף, און ווען איך זאל דיך אפילו דארפען ארויסנעהמען פון בעט, פון דיין ווייב אוועק, שלעפ איך דיך 'רויס און צושפאלט דיר דעם קאפ, אז ניט זאל מיין נאמען ניט זיין וויטטיג. (ער איז אויפגעשפרונגען און וויל זיך א ווארף טאן אויף קוטשע.)

א ל ט ע און י ו נ ג ע ו ו ע ב ע ר. (האלטען איהם צוריק) וויטטיג, וויטטיג, האב דאך פערשטאנד

ק ו ט ש ע. (האט זיך ניט ווילענדיג אויפגעהויבען. זיין געזיכט איז בלאס, ער רוקט זיך צו צו דיא טהיר. וואס נעהנטער ער קומט צו דיא טיהר, אלץ מוטהיגער ווערט ער. דיא לעצטע ווערטער רעט ער שוין אויף דיא שוועל און פערשווינדעט באלד) וואס ווילסטו פון מיר ? מיט דיר האב איך קיינע עסקים ניט. איך דארף ריידען מיט דיא וועבער. דיר האב איך גאר נישט, נישט גע־

טאָן. דו געהסט מיך ניט אָן. אייך וועבער אָבער, האָב איך וואָס צו זאָגען : דער הער פּאָליציייפערוואַלטער האָט אייך פערבאָטען צו זינגען דאָס ליעד — דאָס דרייסיגער ליעד, צו וויא עס הייסט דאָרט. און ווען דאָס געזיננגעריי אויף דער גאַס וועט ניט אויפהערען, דאַן וועט ער שוין זאָרגען דאַפיער, איהר זאָלט זיך קענען אויסריהען אין דיא הויכע פענסטער. דאָרטען וועט איהר קענען זינגען אויף וואַסער און ברויט, וויא לאַנג אייך וועט זיך גליסטען. (אב.)

י ו י ט ט י ג. (שרייט איהם נאָך) ער האָט אונז גאר ניט צו פערביטען, ווען מיר זאָלען אפילו ברילען ביז דיא פענסטער וועלען איינפאַלען ; ווען מען זאָל אונז אפילו הערען אין רייכענבאַך ; ווען מיר זאָלען אפילו זינגען ביז דיא הייזער וועלען איינפאַלען אויף דיא פאַבריקאַנטענס קעפּ, און ביי אַלע פערוואַלטער וועלען דיא היטלען אויפ׳ן קאָפּ טאַנצען, דאָס איז ניט קיינעם׳ס דאגה.

ב ע ק ע ר. (איז דערווייל אויפגעשטאַנען, האָט מיט דיא האַנד געגעבען דעם צייכען צו זינגען, און פאַנגט אַליין אָן מיט אַלע איבריגע.)

מיר האָבען דאָ אַזאַ געריכט,
נאָך ווילדער וויא אין סדום,
און ווען מען פאַלט צו איהם אריין,
דאַן איז עס וויא אין תהום.

(דער ווירטה וויל זיי בערוהיגען, קיינער הערט איהם אָבער ניט. וויעגאַנד האַלט זיך צו דיא אויערען און לויפט אַרויס. דיא וועבער הייבען זיך אויף און געהן נאָך וויטטיג׳ן און בעקער׳ן, וועלכע האָבען געגעבען דעם צייכען, זינגענדיג.)

דער מענש ווערט לאַנגזאַם דאָ געקוועלט,
דאָ איז דיא מאַרטער-קאַמער,
דאָ ווערען זיפצען פיעל געציילט.
אַלס עדות פון דעם יאַמער.
איהר שורקען אלל׳, איהר שטנ׳ס בלוט,
דעם טייוועל׳ס וואהרע קינדער,

איהר פרעסט דעם קבצנ'ס האָב און גוטס,
אָה, ווערט פערפלוכט אצינדער !

(דיא גרעסטע צאָהל וועבער זינגען דעם פאָלגענדען פערז שוין אויף דרויסען, נור איניגע יונגע וועבער זיינען נאָך אין שטוב און בעצאהלען. ביי דיא ענדע פון דעם נעקסטען סטראָף איז שוין קיינער ניט אין שטוב אויסער וועלצעל, זיין פרוי, זיין טאָכטער, האָרניג און דער אַלטער באומערט.)

איהר שורקען, אַלל, איהר סאַטאַנסברוהט !
איהר העללישע קאַנע !
איהר פרעסט דער אַרמען האב און גוט
אונד פלוך ווירד אייך צום לאָהנע.

וועלצעל. (רוימט זיך געלאסען אראָב פון טיש דיא גלעזער.) היינט זיינען זיי גאָר משוגע.

דער אַלטער באומערט. (וויל אַוועק געהן).

האָרניג. זאָג מיר, באומערט, איך בעט דיך, וואָס טהוט זיך'ס דאָ אָב ?

דער אַלטער באומערט. צו דרייסיגר'ן ווילען זיי געהן, זיי ווילען ער זאָל זיי דערלייגען צו דיא שכירות.

וועלצעל. און דו מאַכסט זיך אויך משוגע ?

דער אַלטער באומערט. פערשטייסטו מיך, וועלצעל, וועגען מיר האנדעלט עס זיך ניט. א יונגער קען, און אַ'ן אַלטער מוז. (אַ ביסעל אין פערלעגענהייט)

האָרניג. (הייבט זיך אויף) עס וועט זיין א וואונדער ווען פון דעם וועט זיך אויסלאָזען עפּעס גוטעס.

וועלצעל. ווען דיא אַלטע זדעבלאַקעס טאָקע אין גאַנצען פערליערען דעם פערשטאַנד ?

האָרניג. יעדען מענש בענקט זיך נאָך עטוואס.

ענדע פון דריטען אקט.

פערזאָנען אין פיערטען אַקט:

בעקער.	פרוי דרייסיגער.
מאַריטין אגער.	בעטטעלהוי, פּאַסטאָר.
דער אַלטער באומערט.	פרוי דרייסיגער.
דרייסיגער.	וויינהאָלד, קאַנדידאַט אויף פּאַסטאָר,
פּייפער,	הויזלעהרער ביי דרייסיגער.
וויטטיג.	היידער, פּאָליציי־פערוואַלטער.
קוטשע.	בוטשער, יאָהאַן.

יונגע און אַלטע וועבער און וועבער־פרויען

פיערטער אַקט.

פעטערסוואלד. — פריוואט צימער פון דעם באַרכענט פאבריקאנט דרייסיגער. דאָס צימער איז זעהר רייך און מיט לוקסוס אויסגעשטאַטעט. דער סופיט, דער אויווען און דיא טיהרען זיינען וויים; דיא טאפעטען זיינען מיט גראדע ליניעס, דורכגעווארפען מיט קליינע בלימעלעך אין א בלוי־גראען טאָן. דאצו קומט רויט איבערגעצויגענע פיין געבעטע מעבעל פון מאַהאָגיע האָלץ, רייך פערציערט מיט שיינע שניצעריי; דיא שאַפעס און דיא שטוהלען זיינען פון דעם זעלבען מאַטעריאל, אויסגעשטעלט אויף דעם פאלגענדען אופן: רעכטס צווישען צוויי פענסטער, מיט פיינע רויטע גארדינען שטעהט דער שרייב טיש, מיט אַ'ן אראפּגעלאָזענע קלאפּע פון פאָרענט — אַנטקעגען דעם שרייב טיש א סאָפע; נים וויים אוועק אַ'ן אייזערנע קאססע, פאר דיא סאָפע א טיש, בענקלעך און שטוהלען, — ביי דער הינטער וואנד א שאפקעלע פאר געוועהר; אַרום דיא וואנד הענגען שלעכטע בילדער אין געגילטע רעמען. איבער דער סאָפע הענגט איין שפיעגעל און א שטאַרק געגילטע רעם, געשניצט אין ראָקאָקאָ סטיל. לינקס פיהרט א'ן איינפאכע טהיר אויף דעם הויף אַרוים, אַ צווייטע טהיר, שטעהט אפען, פיהרט אין דעם פול געפאקטען

סאַלאָן אריין. אינעווענינ זעהט מען צוויי דאמען, מאַדאַם דרייסיגער און מאַדאַם קיטטעלהויז, דעם פּאַסטאָר'ס פרוי, איבערקוקענדיג בילדער.— ווייטער איז'ם סאַלאָן, דער פּאַסטאָר קיטטעלהויז, ריידענדיג מיט דעם קאַנדידאַט און הויז־לעהרער וויינהאָלד.

קיטטעלהויז. (איין קליין פריינדליך מענשעל, געהט במנוחה'דיג אַריין אין פאָדערצימער, רייכערנדיג אַ ציגאַר, און פלוי־דערט מיט וויינהאָלד, וועלכער רייכערט אויך; דאָרט קוקט ער זיך אַרום און, ניט זעהענדיג קיינעם, שאָקעלט ער מיט דעם קאָפּ). עס איז זיך גאָר ניט צו וואונדערען הערר קאַנדידאַט : איהר זייט נאָך יונג. אין אייערע יאהרען, האָבען מיר אַלטע געהאט — איך וויל ניט זאָגען דיא זעלבע אַנזיכטען, אָבער דאָך עהנליכע. עהנליכע יעדענפאַלס. עס איז זעהר שעהן מיט דיא יונגע יאהרען — מיט דיא אַלע שעהנע אידעאַלען, הערר קאַנדידאַט. לײדער אָבער זיינען זיי נור פאַרביילױפיג, פאַרבײלױפיג וויא דיא זון אין אַפּריל חודש. קומט פריהער אין מיינע יאהרען. ווען מען האָט דרייסיג יאָהר לאַנג, צוויי און פופציג מאָל יעדעס יאָהר — אויסער יום־טובים — פון דעם בעלעמער אראָב גערעדט, דאַן איז מען נויט־ווענדיגערוויזע רוהיגער געוואָרען. געדענקט מיינע רייד, ווען איהר וועט אמאָל אזוי ווייט האַלטען וויא איך, הערר קאַנדידאַט.

וויינהאָלד. (ניינצעהן יאָהריגער יונגער מאַן, בלייך, מאגער, אַ'ן אויסגעצויגענער מיט גלאטע, לאנגע בלאָנד האָר, ער איז זעהר אונרוהיג און נערוועז אין זיינע בעוועגונגען.) מיט אַלע אַכטונג און רעספּעקט צו אייך, הערר פּאַסטאָר.... איך וויים דאָך ניט.... עס איז פאָרט דאָ אַ גרויסער אונטערשיעד אין דיא נאַ־טורען.

קיטטעלהויז. ליעבער הערר קאַנדידאַט, איהר מעגט זיך זיין נאָך אזא אונרוהיגער נאטור — (מיט פאָרוווירפע) — און דאָס זייט איהר — איהר מעגט זיך, איך וויים ניט וויא שטאַרק און—ניט פּאַסיג אַרויס טרעטען געגען דיא יעצטיגע פערהעלטניסע. דאָס ענדערט זיך אַלעס. יא, יא, איך בין מודה, אז צווישען אונזערע

קאָלעגען געפינען זיך אזעלכע, וועלכע, שוין גראדע ניט אין דיא יונגע יאָהרען, בעגעהן נאָך יונגלערישע נארישקייטען. איינער פרע־דיגט געגען בראָנפען און גרינדעט חברות יעגען שכרות, א צווייטער פערפאסט אויפרופע, וועלכע זיינען אָהן צווייפעל זעהר ריהרענד ביים לייענען. אָבער וואס געווינט ער דערמיט? דיא נויטה, וויא זיא איז פאראן צווישען דיא וועבער, ווערט ניט פערקלענערט. דער סאָ־ציאלער פרידען אָבער ווערט אונטערגעגראָבען; נייז, ניין, דאָ מעג מען ווירקליך זאגען: שוסטער, האלט זיך ביי דיינע דראטוועס, נשמה פערזארגער, ווער ניט קיין מאָגען פערזארגער. פרעדיג גאָט'ס וואָרט, און פאר דעם איבריגען לאָז דעם זאָרגען וועלכער גרייט אָן שפייז און א בעט פאר דיא פייגעל, און לאָזט דיא בלום אויפ'ן פעלד ניט פערטריקענט ווערען. — איך וואָלט ווירקליך וועלען וויסען וואו איז דאס אונזער ליעבער ווירטה מיט א מאָל אהינגעקומען.

פ ר ו י ד ר י י ס י ג ע ר. (קומט אריין אין פאדער ציממער. דעם פאסטאָרס ווייב געהט איהר נאָך. זיא איז א דרייסיג יעהריגע היבשע פרוי. מען בעמערקט א ווידערשפרוך צווישען איהר ריידען און בענעהמען און איהרע רייכע קליידער) זיא האָבען גאנץ רעכט הער פאסטאָר. ווילהעלם טהוט איממער אזוי. ווען ס'פאלט איהם עפעס איין, לויפט ער באלד ארויס און לאָזט מיך זיצען. איך האָב'ס שוין וויפיעל מאָל איבערגערעט. אבער עס העלפט ניט קיין ריידען.

ק י ט ט ע ל ה ו י ז. ליעבע גנעדיגע פרוי, ער איז דאָך א גע־שעפטסמאן.

ו ו י י נ ה אָ ל ד. אויב איך האָב קיין טעות, איז אונטען עטוואס פאָרגעקומען.

ד ר י י ס י ג ע ר. (קומט, סאָפעט אויפגערעגט.) נו, ראָזא, איז דיא קאווע אויפ'ן טיש?

פ ר ו י ד ר י י ס י ג ע ר. (אָנגעבלאָזען) דו מוזט איממער ארומלויפען.

ד ר י י ס י ג ע ר. (מיט א בייזער) אָך, וואס ווייסט דו!

ק י ט ט ע ל ה ו י ז. ענטשולדיגען זיא, האָבען זיא געהאט פערדרוס, הערר דרייסיגער?

ד ר י י ס י ג ע ר. דאָס האָב איך יעדען גאָט'ס טאָג, הערר

פּאַסטאַר. צו דעם בין איך שוין געוואָהנט. נו, ראָזאַ? ועסט דו זעהן צו דיא קאַווע?

פ ר ו י ד ר י י ס י ג ע ר. (געהט בייז און ציהט האַסטיג עט־ליכע מאָל ביי דיא ברייטע גלאָק שנור.)

ד ר י י ס י ג ע ר. אַט אַצינד, (געהט עטליכע מאָל הין און צוריק) הערר קאַנדידאַט, וואָלט איך אייך געוואונשען דאַביי צו זיין. דאַ וואָלט איהר עטוואַס געקענט זעהען. איבריגענס... קומט, לאָמיר זיך נעהמען צו אונזער וויסט.

ק י ט ט ע ל ה ו י ז. יאַ, יאַ, און נאָך אַמאָל יאַ! שאַקעלט אַב דעם שטויב פון דעם טאָג, און ווארפט אראָב דעם לאַסט פון די פּלייצעס און געהערט אונז.

ד ר י י ס י ג ע ר. (איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, רוקט אַוועק אַ פאָרהאַנג און קוקט אַרויס. ניט ווילענדיג.) באַנדע!!! — קום נור אהער, ראָזאַ! (זיא קומט) זאָג נור... דיזער לאַנגער מענש מיט די רויטע האָאר דאָרט......!

ק י ט ט ע ל ה ו י ז. דאַס איז דער זאָגענאַנטער רויטהער בעקער.

ד ר י י ס י ג ע ר. נו, זאָג, איז דאַס אפשר דער זעלבער, וואָס האָט דיך מיט צוויי טאָג צוריק בעליידיגט: דו געדענקסט דאָך וואָס דו האָסט מיר געזאגט, ווען יאָהאַן האָט דיר געהאָלפען אריינזעצען זיך אין דיא קאַרעטע.

פ ר ו י ד ר י י ס י ג ע ר. (פערקרימט דאָס מויל) איך וויים שוין אַליין ניט.

ד ר י ס י ג ע ר. הער דאָך אויף צו זיין ברוגז יעצט, איך מוז עס וויסען. איך בין שוין מיעד פון דיזע פרעכהייטען, אויב עס איז דער, וועל איך זיך מיט איהם באַלד אָברעכענען. (עס הערט זיך זינגען דאָס וועבער־ליעד) נו, הערט, הערט בלויז!

ק י ט ט ע ל ה ו י ז. (צאָרניג) וועט דאָס גאָר ניט נעמען קיין כוף צו דיעזע רשעות? נו, מוז איך שוין זאָגען: עס איז צייט דיא פּאָליציי זאָל זיך אריינמישען. לאָזט דאָך מיר אַמאָל! (ער געהט צו צום פענסטער) נו זעהט דאָך, הערר וויינהאָלד! דאָס זיינען ניט בלויז יונגע לייט, אלטע, געזעצטע וועבער לויפען אויך

מיט דער מאַססע. מענשען, וועלכע איך האָב יאָהרען לאַנג געהאַלטען פיר אָרענטליך און גאָטספּורכטיג. זיי לויפען מיט. זיי בעטהייליגען זיך אין דיזען אָנגעהערטען רשעות, זיי טרעטען גאָט׳ס געזעץ מיט דיא פיס, ווילט איהר נאָך אפשר פערטהיידיגען דיזע לייט ?

ו ו י י נ ה אָ ל ד. געוויס ניט, הערר פּאַסטאָר. דאָס הייסט, הערר פּאַסטאָר.... דאָס זיינען הונגעריגע, אונוויסענדע מענשען, זיי דריקען אויס זייער אונצופריעדענהייט אַזוי וויא זיי פערשטעהען, איך ערוואַרטע גאָר ניט, אַז אַזעלכע לייטע....

פּ ר ו י ק י ט ט ע ל ה ו י ז. (קליין, מאָגער, געל, זעהט מעהר אוים וויא א׳ן אלטע מויד אלס פרוי.) הערר וויינהאָלד, הערר וויינהאָלד ! אָבער איך בעט אייך !

ד ר י י ס י ג ע ר. הערר קאַנדידאַט, איך בעדויער זעהר..... איך האָב אייך ניט גענומען אין מיין הויז אריין, איהר זאָלט מיר האַלטען דרשות איבער מענשליכקייט. איך מוז אייך בעטען, איהר זאָלט זיך נור בעשעפטיגען מיט דיא ערציהונג פון מיינע קינדער. אַלע אַנדערע אנגעלעגענהייטען מיר איבער צו לאָזען, מיר אליין. פערשטעהט איהר מיך ?

ו ו י י נ ה אָ ל ד. (שטעהט אַ מינוט שטאַר און טויט בלאס, דאן פערבויגט ער זיך מיט אַ געמאַכטען געלעכטער. שטיל.) געוויס, געוויס, איך פערשטיי אייך גוט. איך האָב זיך גערעכט דאַרויף, ס׳איז פונקט וויא איך ווינש. (געהט אָב.)

ד ר י י ס י ג ע ר. (ברוטאַל) אויב אזוי, זאָלט איהר שוין געהן, מיר דאַרפען דאָס צימער.

פּ ר ו י ד ר י י ס י ג ע ר. אָבער ווילהעלם, ווילהעלם !

ד ר י י ס י ג ע ר. ביזט דו ביים פערשטאַנד, צו ניט ? דו ווילסט זיך אָננעמען פאַר א מענשען, וואס פערטהיידיגט אזעלכע גראָבקייט און נידערטרעכטיגקייט וויא דיעזעס שענדליכע ליעד.

פּ ר ו י ד ר י י ס י ג ע ר. אָבער מאַנעלע, מאַנעל, ער האָט עס דאָך גאָר ניט.....

ד ר י י ס י ג ע ר. הערר פּאַסטאָר, האָט ער עס פערטהיידיגט, אָדער האָט ער עס ניט פערטהיידיגט ?

ק י ט ט ע ל ה ו י ז. הערר דרייסיגער, מען מוז איהם זוכען א זכות צוליעב זיין יוגענד.

פ ר ו י ק י ט ט ע ל ה ו י ז. איך וויים גאר ניט, דער יונגער מענש קומט פון אזא פיינע און געאכטעטע פאמיליע, זיין פאטער איז פערציג יאהר לאנג געווען א בעאמטער און מען האט קיין מאל אויף איהם דיא קלענסטע פגימה ניט געפונען. זיין מוטער האט זיך געשעצט גליקליך, וואס ער האט געקריגען אזא פיינע שטעלע, נו, וויים ער עס אבער ניט וויא צו שעצען.

פ י י פ ע ר. (רייסט אויף דיא טיהר פון הויף, שרייט אריין) הערר דרייסיגער, הערר דרייסיגער! זיי האבען איהם געפאקט, זיא מעכטען ארויסקומען, זיי האבען איינעם געפאקט.

ד ר י י ס י ג ע ר. (האסטיג). איז ווער געגאנגען צו דער פאליציי?

פ י י פ ע ר. דער הערר פערוואלטער איז שוין אויף דיא טרעפ, ער קומט באלד ארויף.

ד ר י י ס י ג ע ר. (אין דער טיהר) ערגעבענער דיענער, הערר פערוואלטער! עס פרייט מיך דאס איהר זיינט געקומען.

ק י ט ט ע ל ה ו י ז. (ווינקט צו דיא דאמען מיט דיא הענד ארויסצוגעהן, ער, זיינע פרוי און פרוי דרייסיגער פערשווינדען אין דעם סאלאן.)

ד ר י י ס י ג ע ר. (זעהר אויפגערעגט, צו דעם פאליציי פערוואלטער, וועלכער איז דערווייל אריינגעקומען.) הערר פערוואלטער, מיינע פערבער האבען ענדליך געפאקט איינעם פון דיא הויפטזינגער. איך האב עס שוין ניט געקענט אויסהאלטען, זייער פרעכהייט שטייגט איבער אלע גרענעצען, ס'איז ניט צום אויסהאלטען, איך האב געסט, און דיא לײדאקעס האבען דיא חוצפה.... זיי בעליידיגען מיין פרוי וויא זיי דערזעהן איהר נור, מיינע קינדער זיינען ניט זיכער מיט'ן לעבען. איך האב מורא, זיי וועלען מיינע געסט בעפאלען. איך פערזיכער אייך, ווען עס איז מעגליך, אז אין א ריכטיג איינגעארדענטע געמיינדע, זאלען געלאסענע מענשען וויא איך און מיין פאמיליע, אונאויפהער עפענטליך בעשמוצט ווערען.... דאן... דאן,

האָב איך, איך מוז עס בעדויערן, גאַנץ אַנדערע בעגריפע פון רעכט און זיטליכקייט.

פ אָ ל י צ י י־פ ע ר ו וא ל ט ע ר. (א׳ן אונגעפער פופציג יעהריגער מאַן, מיטעל גרויס, פולבלוטיג, ער טראָגט אַ קאַוועלירסקי מונדיר מיט אַ שווערד וואָס שלעפט זיך נאָך און שפּאָרעז) געווים ניט... ניין..... געווים ניט, הער דרייסיגער! — שאַפט זיך מיט מיר. בערוהיגט זיך נור, איך שטעה אין גאַנצעז אייך צו דיענעז. גוט ס׳האָט זיך אזוי געמאַכט.... מיר איז אפילו גאַנץ ליעב וואס איהר האָט איינעם פון דיא הויפּט שרייער פעסטגענומעז, איך ביז זעהר צופריעדעז וואס עס וועט ענדליך אמאָל קומעז צו א קלאַפּ. דיא עטליכע פריעדענשטערער וואס זיינעז דאָ פאראז, האָב איך שוין לאַנג אויפ׳ן אויג.

ד ר י י ס י ג ע ר. גאַנץ ריכטיג, אַ פּאָר סמאַרקאַטע אינגלעך, האָבעז מורא צו ארבייטעז, פוילע הינד, פיהרעז אז אויסגעלאַסעז לעבעז, שלעפּעז זיך ארום גאַנצע טעג אין דיא שענקעז ביז דער לעצטער גראָשעז לויפט זיי דורך דעם גאָרגעל. אָבער יעצט האָב איך זיך פעסט גענומעז. איך וועל זיי דיזע גרויסע פיסקעס פערשטאָפּעז, פאָלשטענדיג. עס איז א טובת הכלל, ניט נור מיין אייגענע טובה.

פ אָ ל י צ י י פ ע ר ו וא ל ט ע ר. ניט אַנדערש! ניט אַנדערש, הערר דרייסיגער, דאָס קעז אייך קיין מענש ניט פערדענקעז, און וויפיעל עס ליעגט אין מיינע קרעפטעז.....

ד ר י י ס י ג ע ר. מעז דארף זיי ארייגפאָהרעז מיט א גוטעז קאַנטשיק, דיזע לומפּעז באַנדע.

פ אָ ל י צ י י פ ע ר ו וא ל ט ע ר. גאַנץ רעכט, גאַנץ רעכט. מעז דארף זיי ווייזעז א ביישפּיעל.

ז ש א נ ד א ר ם ק ו ט ש ע. (קומט אריין און שטעלט זיך וויא אַ סאָלדאט. דורך דיא אָפענע טהיר הערט זיך דיא טריט פון שווערע פיס, וועלכע קלעטערעז ארויף דיא טרעפּ.) הערר פערוואלטער, איך מעלדע געהאָרכזאם: מיר האָבעז איינעם געכאַפּט.

ד ר י י ס י ג ע ר. ווילט איהר זעהן דעם מענשעז, הערר פּאָליציי פערוואלטער?

פאליציי פערוואלטער. געוויס, געוויס, פאר אלעם, ווילען מיר איהם גאנץ נאהענט בעטראכטען. טהוט מיר דיא טובה, הערר דרייסיגער, און בלייבט גאנץ רוהיג, איך וועל אייך צור פרידען שטעלען, אז ניט זאל מיין נאמען ניט הייסען היידע.

דרייסיגער. איך קען מיט דיזען ניט צופריעדען זיין. דיא לייט מוז מען איבערגעבען צום פראקוראר.

יעגער. (ווערט געפיהרט פון פינף פערבער־ארבייטער וועמעס הענד און קליידער זיינען איינגעשמיערט אין פארב, נור וואס פון דער ארבייט. דער געפאנגענער טראגט דאס היטעל אויף א זייט, ווייזט ארויס א פרעכע פרייליכקייט, און צוליעב דעם פריהערדיגען בראנפען איז ער זעהר אויפגעלעגט.) א, איהר פערעכטליכע קערלען! — ארבייטער ווילט איהר זיין? קאמראדען ווילט איהר זיין? איידער איך וואלט אזעלכעס געטאן — איידער איך וואלט מיך פערנעהמען אויף מיינעם א חבר, וואלט איך געמיינט, דיא האנד וועט מיר פריהער אבפאלען! (דער פערוואלטער גיט א ווינק צו קוטשע, און ער הייסט דיא ארבייטער אראבנעמען דיא הענד פון יעגער'ן. ער שטייט פריי און פרעך, אלע טיהרען זיינען איהם אבער פערשטעלט.)

פאליציי פערוואלטער. (מיט א געשריי) אראב ס'היטעל, גראבער יונג! (יעגער נעהמט עס גאנץ לאנגזאם אראב, און הערט ניט אויף צו שמייכלען איראניש.) וויא הייסט דו?

יעגער. האב איך מיט דיר צוזאממען חזירים געפאשעט? (דיזעס ווארט רופט ארויס א בעוועגונג צווישען דיא אנוועזענדע).

דרייסיגער. דאס איז שטארק.

פאליציי פערוואלטער. (בייט דיא פארב, וויל ארויספלאצען, אבער ער האלט זיך איין.) דאס וועלען מיר שוין שפעטער זעהן. — וויא הייסט דו, פרעג איך דיך? — (אלס יעגער ענטפערט ניט, מיט גוואלדיגען כעס) דער הונט, אדער איך לאז דיר אריין האקען פינף און צוואנציג שטיק.

יעגער. (מיט פאלקאמענע הייטערקייט, ענטפערט נאט אויף דעם בייזען געשריי אפילו מיט א רידער, איבער אלעמענס קעפ צו דער שעהנער דיענסט מיידעל, וועלכע איז אריין געקומען מיט קאווע און איז געבליעבען שטעהען פון דיא אונערווארטעטע סצענע, מיט איין אפען

מויל.) נו זאָג דאָך מיר, פּלעטבּרעטעל־עמיליא, ביסט דו יעצט ביי דער געזעלשאַפט? זעה דאָך אַוועקצוגעהן אַזוי שנעל דו קענסט, דאָ קען אַמאָל פּערביי געהן אַ ווינד, און ער בלאָזט איבּער נאַכט אַליך אַוועק. (דאָס מיידעל גלאָצט אויף יעגער׳ן, ווען זיא בעגרייפט, אז דאָס רעדט ער צו איהר, ווערט זיא רויט פון שאַנדע, פערדעקט זיך דיא אויגען מיט דיא הענד און לויפט ארויס איבּערלאָזענדיג דאָס געשיר וויא עס שטעהט און געהט. ווידער ווערט אַ רוך צווישען דיא אַנוועזענ־דע.)

פּ אָ ל י צ י י פּ ע ר וו א ל ט ע ר. (קען קוים צו זיך קומען. צו דרייסיגער.) וויא אַלט איך ביז... אַזאַ אונגעהערטע פּרעכהייט איז מיר נאָך......

י ע ג ע ר. (שפּייט אויס.)

ד ר י י ס י ג ע ר. פּארך, דו ביסט ניט אין קיין חזיר שטאַהל, פערשטייסט?

פּ אָ ל י צ י י פּ ע ר וו א ל ט ע ר. מיין געדולד איז מיר שוין געפּלאַצט. צום לעצטען מאָל: וויא הייסט דו?

ק י ט ט ע ל ה ו י ז. (וועלכער איז דיא גאַנצע צייט געשטאַנען הינטער דיא סאַלאָן־טיהר, וועלכע איז געוועזען אַביסעל אָפען, און זיך איינגעהאָרכט, קומט ארויס, ציטערנדיג פון אויפרעגונג, זיך אריינצומי־שען.) ער הייסט יעגער, הערר פּערוואַלטער, מאָריטץ... ניט וואהר?.. מאָריטץ יעגער. (צו יעגער׳ן) נו, זאָג דאָך, יעגער, — דערקענסט מיך שוין גאָר ניט?

י ע ג ע ר. (ערנסט) איהר זייט פּאַסטאָר קיטטעלהויז.

ק י ט ט ע ל ה ו י ז. יאָ, דער פּערזאָרגער פון דיין נשמה, יעגער! דער זעלבּער, וועלכער האָט דיך אויפגענומען אין דיא גע־מיינשאַפט פון דיא היילינע, ווען דו ביזט נאָך געוועזען אַ וויקעל־קינד. דערזעלבּער, פון וועמענס הענד דו האָסט דאָס ערשטע מאָל געקריגען דאָס לייב פון אונזער ערלעזער. קענסט דו זיך דאָס ער־אינערען? איך האָב מיך געמיהט און געמיהט אריין צו ברייננען אין דיין הערץ גאָט׳ס וואָרט. איז דאָס דיין דאַנקבּארקייט?

י ע ג ע ר. (מיט אַראָבּגעלאָזענעם קאָפּ, וויא אַ בעשטראַפט חדר אינגעל) איך האָב דאָך ארויסגעלעגט אַ טהאַלער געלד.

ק י ט ט ע ל ה ו י ז. געלד, געלד... דענקסט דו אפשר, אז דאָס פעראכטעטע, ערבארמליכע געלד... בעהאלט דיר דיין געלד.... ס'איז מיר פיעל ליעבער.... ס'אראַ נאַרישקייט דאס איז. זיי בראַוו, זיי אַ כריסט! געדענק דעם, ווען דו ליובסט, האַלט גאָט'ס געבאָט, זיי גוט און פרום, געלד, געלד....

י ע ג ע ר. איך בין איין קוועיקער, הערר פאַסטאָר, איך גלויב אין קיין זאַך ניט מעהר.

ק י ט ט ע ל ה ו י ז. וואס, קוועיקער, רעד דאָך ניט קיין נאַרישקייט! זעה, זיך צו בעסערן און רעד ניט וואס דו פערשטייסט ניט. דאָס זיינען פרומע מענשען, ניט היידאָמאַקעס, וויא דו! וואָס מיר קוועיקער!

פ א ל י צ י י פ ע ר ו ו א ל ט ע ר. מיט ערלויבנים, הערר פאַסטאָר (ער שטעלט זיך צווישען איהם און יעגער.) קוטשע! בינד איהם דיא הענד!

(אַ געבּרילעריי אין דרויסען: „יעגער! יעגער, זאָל אַרויסקומען"!)

ד ר י י ס י ג ע ר. (אַביסעל דערשראָקען, וויא אלע איבריגע, געהט ניט ווילענדיג צו צום פענסטער.) וואס איז דאָס ווידער אזעלכעס?

פ אָ ל י צ י י פ ע ר ו ו א ל ט ע ר. א, איך פערשטיי: דאָס הייסט, זיי ווילען, מען זאל זיי דעם לומפּ צוריק ארויסגעבען. דיא טובה וועלען מיר זיי אָבער דאָס מאָל ניט טאָן. איהר פערשטייט, קוטשע? ער מוז ווערען אריינגעזעצט.

ק ו ט ש ע. (צעגערנדיג מיט דעם שטריק אין האַנד) מיט רעספּעקט צו מעלדען, הערר פערוואלטער, מיר וועלען דאַ האָבען גרויסע צרות. דאָס איז א געמיינע חברה. ריכטיגע באַנדיטען, הערר פערוואלטער, דאָ איז בעקער, דאָ איז דער שמיט.....

ק י ט ט ע ל ה ו י ז. ערלויבען זיא גיטיגסט, — אום ניט אָנצומאַכען נאָך מעהר בייז בלוט, וואָלט ניט גלייכער געווען, הערר פערוואלטער, מיר זאָלען פּרובירען מיט גוטען? פיעלייכט וועט יעגער איינוויליגען מיט גוטען מיט צוגעהן צוּ רעד....

פ א ל י צ י י פ ע ר ו ו א ל ט ע ר. וואס פאלט אייך איין!!

מייז פערענטוואָרטליכקייט ! אויף דעם קען איך בשום אופן ניט איינוויליגען, פאַרוועהרטס קוטשע ! ניט געבאַלעמוטשעט.

יעגער. (לייגט צוזאממען דיא הענד און שטעקט זיי אויס לאַכענדיג.) נור פעסט, פעסט, אזוי פעסט וויא איהר קענט נור. ס'איז דאָך ניט אויף לאַנג. (קוטשע און זיינע חברים בינדען איהם.)

פאַליציי פערוואַלטער. נו, פאַרוועהרטס מארש! (צו דרייסיגער) ווען איהר שרעקט זיך, קענט איהר מיר מיט געבען זעכס פערבער, זיי וועלען איהם אריין נעמען אין דערמיט. איך וועל רייטען פאָראויס, און קוטשע וועט נאָכגעהן פון הינטען. ווער סע שטעלט זיך אַנטקעגען, דער ווערט ניעדערשלאָגען.

(פון אונטען הערט זיך א געשריי: „קוקעריקו!! וואו, וואו, וואו".)

פאַליציי פערוואַלטער. (סטראשעט ארויס דורך דעם פענסטער.) כלבים! איך וועל אייך שוין בעקיקעריקיען און בעוואוואוען. מארש, פאַרוועהרטס! (ער געהט דער ערשטער ארויס מיט דיא בלאַנקע שווערד, דיא אַנדערע געהן איהם נאָך.)

יעגער. (שרייט ארויסגעהענדיג) דיא גנעדיגע פרוי דרייסיגער מעג זיך מאַכען אזוי גרויס וויא זיא וויל נור, זיא בלייבט דאָך אונזער'ס גלייכען. זיא האָט מיין טאַטען הונדערטע מאָל צוגע־טראָגען פאר דריי פעניג שנאַפּס. שוואדראָן, לינקס שווענקט, מארש מאַ—רש! (געהט אַב מיט געלעכטער.)

דרייסיגער. (נאָך איין פּאַוזע, שיינבאַר געלאַסען) וויא דענקט איהר, הערר פּאַסטאָר? ווילען מיר טאָקע ניט מאַכען קיין ווהיסט היינט? קיין זאך שטערט אונז יעצט ניט מעהר. (ער פער־רייכערט א ציגאַר, לאַכט קורץ, מיט אַמאָל גיהט ער א לאַך ארויס אויפ'ן קול.) יעצט קומט מיר דיא גאַנצע מעשה אוים קאָמיש. דער קערל! (צולאַכט זיך נערוועז) עס איז דאָך ווירקליך נור צום לאַכען. צו ערשט דיא קריג מיט דעם קאַנדידאַט. זיין אוועקלויפען איבער שטאָק און שטיין פינף מינוט שפּעטער, דאַן ווידער דיא געשיכטע, נו, יעצט לאָמיר ווייטער שפּיעלען אונזער ווהיסט.

קיטטעלהויז. יאָ, אָבער.... (פון אונטען הערט זיך א

ליארם) יאָ אָבער... ווייסט איהר : דיא לייט מאַכען דאָך אזא שרעקליכען סקאַנדאַל.

ד ר י י ס י ג ע ר. לאָמיר איינפאַך אריינגעהן אין דעם צווייטען צימער, דאָרט שטערט אונז קיינער ניט.

ק י ט ט ע ל ה ו י ז. (שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ) איך וואָלט נור וועלען וויסען, וואס איז עפּעס געוואָרען מיט דיזע מענשען, איך מוז דעם קאַנדידאַט פארט געבען רעכט. ביז ניט לאַנג צוריק ווע־ניגסטענס האָב איך אַלץ געמיינט, אַז דיא וועבער זיינען געהאָרכ־זאַמע, געדולדיגע און ביגזאַמע מענשען. האָט איהר אויך ניט אַזוי געדענקט, הערר דרייסיגער ?

ד ר י י ס י ג ע ר. געוויס זיינען זיי געווען געדולדיג און ביגזאַם, געוויס זיינען זיי פריהער געווען אנשטענדיגע און אָרענט־ליכע לייט, ביז דיא גרויסע בעלי טובות האָבען זיך ניט אריינגע־מישט. ביז מען האָט זיי ניט אריינגעהאַקט אין קאָפּ אריין דיא שרעקליכע נויט אין וועלכע זיי געפינען זיך, בערעכענט נור, דיא אַלע קאָמיטעם און חברות צו פערגרינגערען דיא וועבערס נויט. ביז ענדליך דער וועבער האָט עם אָנגעהויבען צו גלויבען, און מעהר פעהלט איהם ניט. זאָל איהם יעצט איינער פּרובירען צוריק אויפ־דרייען דעם קאָפּ. אַז אָסור. יעצט געהט עם אַ גאַנג, יעצט וועט ער שוין ניט אויפהערען צו מורמען, יעצט פּאַסט איהם שוין ניט דאָס און יענעס, יעצט וואָלט ער שוין וועלען אַלעס זאָל זיין געמאָלען און געבראָטען.

(עס הערט זיך פלוצלונג א הורא געשריי פון פיעלע שטימען).

ק י ט ט ע ל ה ו י ז . מיט זייער גאַנצע בעל טובה'ריי האָ־בען זיי נור אויסגעפיהרט, דאָס לעמער זיינען איבער נאַכט בוכ־שטעבליך געוואָרען וועלף.

ד ר י י ס י ג ע ר. אַך וואס ! ווען מען וויל דיא זאַך אי־בערלייגען, קען פון דעם נאָך גאָר ארויסקומען א טובה. אַזעלכע פּאַ־סירונגען קענען ניט פארבייגעהן אונבעמערקט אין דיא הויכע קריי־זען. איז גאַנץ מעגליך, אַז מען וועט דאָרט אַמאָל קומען צו דיא אי־בערצייגונג, אַז דאָס קען אַזוי ווייטער ניט געהן, אַז מען מוז עט־

וואס טהוז, ווען אונזער היימישע אינדוסטריע זאָל ניט געהן אין גאַנצען צו גרונד.

ק י ט ט ע ל ה ו י ז. וואס איז טאַקי דיא אורזאכע וואס אַלעס איז אזוי געפאלען ? זאָגט איך בעט אייך.

ד ר י י ס י ג ע ר. אויסלאַנד האָט זיך געגען אונז פאַר־בארעקאדירט מיט א הויכען צאָלל. זיינען אונז דאָרט דיא בעסטע מערק אָבגעשניטען געוואָרען, איז אינלאַנד מוזען מיר אויך קאָנקור־רירען אויף טויט און אויף לעבען. מיר זיינען געבונדענע, פאָלשטענ־דיג געבונדען.

פ י י פ ע ר. (פאלט אַריין אָהן אַ'ן אָטהעם און בלאַס) העררר דרייסיגער, העררר דרייסיגער !

ד ר י י ס י ג ע ר. (שטעהט אין דיא סאַלאָן טהיר אריינצוגעהן, דרעהט זיך אוים בייז.) נו, פייפער, וואָס איז שוין ווידער געשעהן ?

פ י י פ ע ר. נעע.. נעע... נו פרעגט שוין בעסער גאָר ניט !

ד ר י י ס י ג ע ר. וואס איז דען געשעהען ?

ק י ט ט ע ל ה ו י ז. איהר מאכט אָז שרעק, זאָגט וואס איז געשעהען !

פ י י פ ע ר. (נאָך אלץ ניט צו זיך געקומען) נו, יא, לאָזט מיך שוין צופריעדען. אזוי וואס ! נעע אזוי וואס אָבער ! דיא בעאַמ־טע.... נו, זיי וועט שוין גוט געהן.

ד ר י י ס י ג ע ר. צום טייוועל, וואסער אומגליק איז דאָס דיר געשעהען ? האָט ווער דעם קאָפּ געבראכען ?

פ י י פ ע ר. (כמעט וויינענדיג פאר שרעק, שרייט אוים) זיי האָ־בען בעפרייט מאָריטץ יעגער, דעם פערוואלטער געשלאָגען און אוועקגעטריעבען, דעם זשאַנדארם געשלאָגען און פערטריבען, אָהן דיא קאַסקע, דיא שווערד צובראָכען.... נעע, נעע !

ד ר י י ס י ג ע ר. דוא מוזט זיין שיכור, פייפער.

ק י ט ט ע ל ה ו י ז. דאָס וואלט דאָך איינפאך געווען א רע־וואָלוציע.

פ י י פ ע ר. (זיצט אויף איין שטוהל, ציטערנדיג מיט'ן גאַנ־צען לייב פאר שרעק.) העררר דרייסיגער, ס'ווערט ערענסט ! העררר דרייסיגער, ס'ווערט ערענסט !

ד ר י י ס י ג ע ר. נו, קען מיר אָבער דיא גאַנצע פּאָליציי...

פ י י פ ע ר. הערר דרייסיגער, ס׳ווערט ערענסט!

ד ר י י ס י ג ע ר. האַלט דאָך ס׳מויל, פּייפער! צו אַלדע טייוועל!

פ ר ו י ד ר י י ס י ג ע ר. (קומט אריין פון סאַלאָן מיט דעם פּאסטאָר׳ס ווייב.) אַך, דאָס איז דאָך גאָר ניט צום אויסהאַלטען וויל־העלם, דעם גאַנצען אבענד האָבען זיי אונז קאַליע געמאַכט. דאָ האָסט דו, יעצט וויל מאַדאַם קיטטעלהויז גאַר איז גאַנצען אהיים געהן.

ק י ט ט ע ל ה ו י ז. ליעבע, גנעדיגע פרוי דרייסיגער, דאָס איז אפשר היינט דאָס בעסטע, וואס מען קען טאָן.

פ ר ו י ד ר י י ס י ג ע ר. אָבער דו, ווילהעלם, זאָלסט דאָך דיא חברה איין מאָל פיר אַלע מאָל גוט אָנלערנען.

ד ר י י ס י ג ע ר. געה דו דאָך און זאָג׳ס זיי. געה דו דאָך! (שטעלט זיך אַוועק פאר דעם פאסטאָר.) בין איך דען איין טיראַן? בין איך דען א מענשען שינדער?

ק י ט ש ע ר י אָ ה אַ ן. (קומט אריין) גנעדיגע פרוי, איך האָב דערוויילע איינגעשפּאַנט דיא פערד, יאָרגעל און קאַרל׳ען האָט דער הערר קאַנדידאַט שוין אריינגעזעצט אין וועגעל. אז ס׳ווערט ווערען גאָר שלעכט, פאָהרען מיר אוועק.

פ ר ו י ד ר י י ס י ג ע ר. יאָ, וואס זאָל דען ווערען גאָר שלעכט?

י אָ ה אַ ן. איך ווייס אַליין ניט. איך מיין נור אזוי! ס׳ווע־רען אַלץ מעהר מענשען, זיי האָבען דאָך דעם פּערוואַלטער און דיא זשענדאַרמען פּעריאָגט.

פ י י פ ע ר. ס׳ווערט ערענסט, הערר דרייסיגער, ס׳ווערט ערענסט הערר דרייסיגער.

פ ר ו י ד ר י י ס י ג ע ר. (קריגט וואס אַמאָל מעהר מורא) וואס וועט דען ווערען? — וואס ווילען דיא מענשען? — זיי קע־נען דאָך אונז ניט בעפאַלען, יאָהאַן?

י אָ ה אַ ן. מאַדאַם, בייזע הינד זיינען דאָ צווישען זיי.

פ י י פ ע ר. ס׳ווערט ערנסט, ביטט׳רער ערנסט.

ד ר י י ס י ג ע ר. האַלט דיא מאָרדע, אייזעל! איז דיא טיהר פעררינעלט?

ק י ט ט ע ל ה ו י ז. טהוט מיר דעם געפאלען... טהוט מיר דעם געפאלען.... איך האָב זיך ענטשלאָסען... טהוט מיר דעם געפאַלען.... (צו יאָהאַן) וואס פערלאַנגען דיא מענשען?

י אָ ה אַ ן. (אין פערלעגענהייט) זיי ווילען מעהר שכירות, די נאַרישע בהמות.

ק י ט ט ע ל ה ו י ז. גוט, שעהן! — איך וועל ארויסגעהן און ערפילען מיין פפליכט. איך וועל מיט דיא לייט רעדען ערענסט.

י אָ ה אַ ן. הער פאסטאָר, העדר פאסטאָר! לאָזט דאָס געהן, דאָ איז יעדעס ווארט ארויסגעווארפען.

ק י ט ט ע ל ה ו י ז. ליעבער הערר דרייסיגער, נאָך איין וואָרט. איך בעט אייך: שטעלט אוועק מענשען הינטער דיא טיהר און פעררינעלט זיא באַלד נאָך מיין אוועקגעהן.

פ ר ו י ק י ט ט ע ל ה ו י ז. ווילסט דו דאָס טאַקי, יאָזעף?

ק י ט ט ע ל ה ו י ז. איך וויל עס, איך וויל עס, איך ווייס וואס איך טהו, זאָרג זיך ניט, גאָט וועט מיך בעשיטצען.

פ ר ו י ק י ט ט ע ל ה ו י ז. (דריקט איהם דיא האַנד, רוקט זיך אָב און ווישט זיך דיא טרעהרען פון דיא אויגען.)

ק י ט ט ע ל ה ו י ז. (דיא גאַנצע צייט הערט זיך פון אונטען ארויף דאָס דומפיגע געשריי פון איין גרויסע מאַססע מענשען.) איך וועל מיך מאַכען... איך וועל מיך מאַכען, אזוי וויא איך וואָלט זיך רוהיג אהיים געגאַנגען, איך וויל דאָך זעהן, צו מיין אַמט אלס גייסט־ליכער... צו האָב איך שוין ניט אזוי פיעל רעספעקט ביי דיא לייטע... איך וויל דאָך זעהן... (ער נעמט דעם הוט מיט דעם שטעקען) פאַרווערטס, אַלזאָ, אום גאָטס נאָמען, (ער געהט אָפ, בעגלייט פון דרייסיגער, פייפער און יאָהאַן.)

פ ר ו י ק י ט ט ע ל ה ו י ז. ליעבע פרוי דרייסיגער. (זיא ברעכט אויס אין געוויין און נעמט זיא ארום דעם האַלדז.) עס זאָל איהם נור ניט געשעהן קיין אונגליק!

פ ר ו י ד ר י י ס י ג ע ר. (וויא צומישט) איך ווייס גאָר ניט, פרוי פאסטאָרען, מיר איז עפעס אזוי... איך ווייס גאָר ניט

וויא מיר איז צו געמיטה. זאָ וואָס איז דאָך עפּעס גאָר אונמעגליך אויף דער וועלט, וועז דאס איז אַזוי... דאָס איז דאָך אַקוראַט וויא עס וואָלט געוועז אַ פערברעכעז צו זיין רייך. זעהז זיא דאָך, וועז מעז זאָל דאָס מיר פריהער געזאָגט, איך וויים ניט, פרוי פּאסטאָרעז, איך וואָלט שוין ליעבער געבליבעז, וויא איך ביז געוועז פריהער.

פ ר ו י ק י ט ט ע ל ה ו י ז. ליעבע פרוי דרייסיגער, אי: יעדעז גראַד, איז דאָ געגוג טוישונג און ערגערנים.

פ ר ו י ד ר י י ס י ג ע ר. נו געווים, געווים, איך דענק מיר דאָס אויך אַזוי. און אַז מיר האָבעז אַביסעל מעהר וויא אַנדערע... גרויסער גאָט, מיר האָבעז עס דאָך אויך ניט גע'גנב'עט. יעדער גראָשעז און יעדער פעניג איז דאָך פערדיענט געוואָרעז אויף דעם עהרליכעז וועג. אַזוי וואָס איז דאָך גאָר אונמעגליך אויף דער וועלט, זיי זאָלעז אונז בעפאַלעז. איז דעז מייז מאַז שולדיג, אַז דיא געשעפ־טעז געהעז שלעכט? (פון אונטעז אַרויף, קומט אַלץ דער ליאַרם. וועה־רענד דיא צוויי פרויעז קוקעז זיך אָן איינ'ס ס'אַנדערע בלאַס און דער־שראָקעז, לויפט דרייסיגער אַריין.)

ד ר י י ס י ג ע ר. ראָזאַ, וואַרף אויף זיך עפּעס אַרויף און שפּרינג אַריין אין וואָגעז; איך קום גלייך נאָך! (ער וואַרפט זיך צו דיא קאַססע, שליסט איהר אויף און נעהמט אַרויס פערשיעדענע זאַכען.)

י אָ ה א ן. (קוממט) אַלעס איז פערטיג. נו, שנעל, איידער זיי האָבעז פערנומעז דאָס הינטער טהויער.

פ ר ו י ד ר י י ס י ג ע ר. (בעפאַלעז פוז שרעק וואַרפט זיך יאָהאַנ'עז אויף דעם האַלדז) יאָהאַן, ליעבסטער, בעסטער יאָהאַן! ראַטעווע אונז, גוטער, גוטער, בעסטער יאָהאַן! ראַטעווע מיינע קינדער, אַך, אַך...

ד ר י י ס י ג ע ר. האָב דאָך פערשטאַנד! לאָז דאָך דעם יאָהאַן צופריעדעז.

י אָ ה א ן. מאַדאַם, מאַדאַם! זייט דאָך גאַנץ בערוהיגט. אונזער נעסט קעז קיינער ניט איינהאַלטעז. ווער עס שטעלט זיך אין וועג ווערט איבערגעפאָהרעז (אב).

פ ר ו י ק י ט ט ע ל ה ו י ז. (וויים זיך ניט קיין עצה צו

געבען פון שרעק) אָבער מייז מאַן? אָבער... אָבער מייז מאַן? אָבער, הערר דרייסיגער, מייז מאַן?

ד ר י י ס י ג ע ר. פרוי פאַסטאָר, פרוי פאַסטאָר, ער איז געזונד, בערוהיגט זיך דאָך, ער איז געזונד.

פ ר ו י ק י ט ט ע ל ה ו י ז. איהם איז אַ'ן אומגליק געשעהען. איהר ווילט'ס מיר ניט זאגען, איהר ווילט'ס מיר ניט זאגען.

ד ר י י ס י ג ע ר. אַ האָט ניט קיין צרות. זיי וועלען חרטה האָבען ד'רויף. איך וויים בעשטימט ווערעס הענד דאָס זיינען געווען. אזאַ'ן אונגעהערטע און אונפערשעמטע פרעכהייט, בלייבט קיין מאָל ניט אונבעצאָהלט. אַ קהל וואס פאלט אַן אויף איהר נשמה פערזאָרגער. טפוי, טייוועל! משוגענע הינד, ווייטער ניט, ווילדע חיות וואָס זיינען משוגע געוואָרען, וועלכע מען וועט בעלויינען וויא זיי האָבען פערדיענט. (צו פרוי דרייסיגער, וועלכע שטעהט וויא בעטויבט) נו, געה דאָך און ריהר זיך! (מען הערט האַקען אין די טהיר) הערסט דען ניט דאָס פּעבעל איז אראָב פון זינען. (מען הערט דאָס בראזגען פון צובראָכענע שויבען) דאָס געזינדעל האָט זון־שטיק. אונז בלייבט מעהר ניט איבריג וויא צו אַנטלויפען. (עס הערט זיך געשריי־ען: „עקספעדיטער פייפער זאָל ארויסקומען; — עקספעדיטער פייפער זאָל ארויסקומען!”)

פ ר ו י ד ר י י ס י ג ע ר. פייפער, פייפער, זיי ווילען ער זאָל ארויסקומען.

פ י י פ ע ר. (פאלט אריין) הערר דרייסיגער, זיי זיינען שוין ביים הינטער־טויהר. דיא טיהר וועט ניט אויסהאַלטען קיין דריי מינוטען. וויטטיג דער שמיד האקט מיט אַ'ן עמער וויא אַ משוגע'נער (פון אונטען הערט זיך אַלץ דייטליכער: עקספעדיטער פייפער זאל ארויסקומען! — עקספעדיטער פייפער זאָל ארויסקומען!)

פ ר ו י ד ר י י ס י ג ע ר. (אַנטלויפט וויא עס וואָלט איהר יעמאנד געיאָגט. נאָך איהר פרוי קיטטעלהויז. ביידע אָב)

פ י י פ ע ר. (האָרכט זיך איין, בייט זיך אין געזיכט, פערשטעהט וואס דאס רופען בעטייט און עס כאַפּט איהם אַן אַ משוגע'נע מורא. דאס פאָלגענדע רעט ער ארויס מיט אַ משוגענע שנעלקייט, קלאָגענדיג, וויינענדיג און בעטענדיג. דאבוי בעשיט ער דרייסיגער'ן מיט קינדערשע לאַש־

צערייּ, גלעט איהם דיא באַקען און דיא אקסלען, קושט איהם דיא הענד און ענדליך נעמט ער איהם ארום וויא איינער וואס טרינקט זיך און לאָזט איהם זיך ניט ריהרען פון אָרט.) אך ליעבסטער שיצהנסטער, גנעדיגסטער הערר דרייסיגער, לאָזט מיך דאָ ניט איבער, איך האָב אימ־מער געטריי געדיענט! איך האָב דאָך דיא לייט איממער גוט בעהאנדעלט. איך האָב דאָך ניט געקענט מעהר בעצאָהלען וויא עס איז געוועזן בעשטימט. פערלאָזט מיך ניט, זיי וועלען מיך דערהרגענען. ווען זיי געפינען מיך דאָ, מאַכען זיי מיר דעם טויט. גאָט אין הימעל, גאָט אין היממעל, מיין פרוי, מיינע קינדער....

ד ר י י ס י ג ע ר. (וויל געהן, קען זיך אָבער ניט ארויסרייסען פון פייפער'ן) לאָזט דאָך מיך אָב, מענש! דאָס וועט זיך שוין גע־פינען, דאָס וועט זיך שוין געפינען.

(דער פלאַטץ איז ליידיג עטליכע מינוטען. אין סאַלאָן טראסקען די פענסטער. אַ שטארקער קלאַפּ הערט זיך דורך דעם גאַנצען הויז. באַלד דערנאָך אַ געוואלדיגער הורראה! נאָך דעם ווערט שטיל, אייניגע סע־קונדען שפעטער, הערט מען געהן אויף דיא טרעפּ שטיל און פארזיכטיג אויף דעם ערשטען שטאָק אַרויף. דאַצו שרעקעדיגע אויסרופע: „לינקס!“ „ארויף“, „פּסט“, „פּאַוואָליע“! „שטופּ זיך ניט!“ „העלף אַביסעל“, „אויך איך האָב עטוואס!“ „ארוים, איהר האלז־שניידער!“ „מיר געהען אויף אַ חתונה!“ „געה דו אַריין!“ „אַ, געה דו“!

(באַלד בעווייזען זיך אין דער טהיר יונגע וועבער און וועבער מיידלעך, וועלכע וואגען ניט אריין צו געהן און שטופּען איינס ס'אַנדע־רע. נאָך אייניגע סעקונדען ווערען זיי אַביסעל דרייסטער, און דיא אַרמ־זעליגע, מאָגערע, טהיילווייז קרענקליכע געשטאַלטען, אָנגעטאָן אין לאַ־טעם פערטהיילען זיך אין דרייסיגערס צימער און אין דעם סאַלאָן, פריי־הער בעטראכטען זיי אלס מיט מורא, דאן נעמען זיי טאַפּען מיט דיא הענד, מיידלעך פּרובירען דיא סאָפעס, עס מאַכען זיך קופּקעלעך, וועלכע בע־וואונדערען זיך אליין אין שפּיגעל, אייניגע שטעלען זיך אויף שטיהל צו בעטראכטען דיא בילדער און זיי אַראָבצונעמען פון דיא ווענד, דער־ווייל קומט אַלץ אָן מעהר פון דיא קלעגליכע געשטאַלטען.)

ע ר ש ט ע ר אַ ל ט ע ר ו ו ע ב ע ר. (קומט) נו, לאָזט מיך

אָבער צורוה! אונטעז האָבען זיי שוין אָנגעהויבען און מאַכען אַלעם צו אַש און בלאָטע. דאָס איז דאָך משוגעת! איז דעם שטעקט דאָך קיין זינן און קיין פערשטאַנד. און סוף כל סוף וועט עס זיך נאָך אויסלאָזען גאַנץ שלעכט. ווער ס'האָט מאַרך איז קאָפּ טהוט אַזעל־כעס ניט. איך וועל זיך אויסהיטען און וועל זיך איז דעם אפילו ניט אריינמישען.

(יעגער, בעקער, וויטטיג מיט אַ הילצערנעם עמער, באַומערט און אַ'ן אנצאהל יונגע און אַלטע וועבער קומען אַריין צו לויפען, וויא זיי וואָל־טען זיך נאָך עפּעס געיאָגט און שרייען מיט הייזעריגע שטיממען.)

יעגער. וואו איז ער אהין געקומען?

בעקער. וואו איז דער הויטשינדער?

באַומערט. אויב מיר קענען פרעסען גראָז, פרעס דו שפּענער.

וויטטיג. ווען מיר קריגען איהם, הייגגען מיר איהם אויף.

ערשטער יונגער וועבער. מיר נעהמען איהם פאר דיא פיס און וואַרפען איהם אַרוים דורך דעם פענסטער, אויף דיא שטיינער, זאָל ער בלייבען ליעגען אויף אייביג.

צווייטער יונגער וועבער. (קוקט) ער איז שוין העט, העט.

אלע. ווער דאָס?

צווייטער יונגער וועבער. דרייסיגער.

בעקער. און פייפער?

שטיממען. זוכט פייפער'ן! זוכט פייפער'ן!.

באַומערט. זוכט, זוכט פייפער'ן, מע דאַרף אויסהונגערען אַ וועבער (געלעכטער.)

יעגער. מיר וועלען דרייסיגער ניט מעהר קריעגען.... אַ קבצן זאָל ער ווערען.

באַומערט. אָרים זאָל ער ווערען וויא אַ מויז אין קירכע, אַ קבצן זאָל ער ווערען: (אלע שטורמען מיט דער אַבזיכט איינצו־ברעכען דיא טהיר פון סאַלאָן.)

בעקער. (וועלכער לויפט פאָראויס, דרייט זיך איהם און

שטעלט דיא אַנדערע אָב)   האַלט, הערט מיך אויס !   ווען מיר וועלען דאָ פערטיג ווערען, וועלען מיר ערשט אָנהייבען. פון דאַנען געהן מיר אַריבער נאָך ביעלאַוווע צו דיטריך'ן, וועלכער אַרבייט מיט מאַשינען. דאָס גאַנצע עלענד קומט פון דיא פאבריקען.

ד ע ר   א ל ט ע ר   א נ ז אָ ר ג ע.   (קומט אריין. נאָכדעם וויא ער מאַכט אייניגע שריטטע, בלייבט ער שטעהן, קוקט זיך ארום מיט אַ אונגליקליכע מינע, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, גיהט זיך אַ פּאַטש אין שטערען און זאָגט.) ווער בין איך ?   דער וועבער אַנטאָן אַנזאָרגע. איז ער פערריקט געווארען, אַנזאָרגע ?   ס'איז וואהר ביי מיר דרייט זיך ארום אין קאָפּ וויא א קאָראָזעל. וואס טהוט ער דאָ ?   וואס מאַכט ער זיך אזוי פרעהליך ?   וואו איז עפּעס, אַנזאָרגע ?   (ער שלאָגט זיך איבער'ן קאָפּ)   איך האָב גאָר קיין שכל !   איך פערשטעה   גאָר ניט. איך בין ניט ביי אַלעם. געהט אוועק, געהט אוועק !   געהט אוועק, בונטאָווניקעס ! קאָפּ אַוועק, פים אוועק, הענד אַוועק. נעמסטו מיין הייזעל, נעם איך דיין הייזעל.   איינס   פיר איינס !   (געהט אַוועק מיט געשריי אין סאַלאָן.   דיא אַנוועזענדע געהן איהם נאָך מיט שפּאָט און געלעכטער.)

ענדע פון פיערטען אקט.

פערזאָנען אין פינפטען אַקט:

בעקער.
מאַריטץ יעגער.
דער אַלטער באוימערט.
וו טטיג.
האָרניג.

דער אַלטער הילזע, וועבער.
זיין פרוי.
גאָטליעב, זיין זוהן.
לואיזע, זיין פרוי.
שמידט, דאָקטאָר.

יונגע און אַלטע וועבער און וועבער־פרויען

פינפטער אַקט.

לאַנגען. — ביליאַווע. — דאס שטיבעל פון דעם וועבער הילזע. לינקס אַ פענסטערל נעבען וועלכען עס שטעהט איין וועב־שטוהל; רעכטס, אַ בעט; גאַנץ נאָהענט צום בעט איין טיש. אין ווינקעל, רעכטס דער אויווען מיט אַ באַנק. ארום דעם טיש אויפ'ן בעט, אויף דיא באַנק און אויף א הילצערנע שטוהל זיצען: דער אַלטער הילזע, זיין ניט יונגערע פרוי, וועלכע איז בלינד און כמעט טויב, זיין זוהן גאָטטליעב מיט דער פרויי לואיזע און זיינען מתפלל. איין שפול־ראָד מיט פאָדעם שטעהט צווישען דעם בעט און דיא וועב־שטוהל. צו דיא פערקאָפּטשעטע באַלקענס אין דעם סופיט זיינען צוגעטשעפּעט פערשיעדענע וועבער־געצייג. לאַנגע בינטלעך פאָדעם הייגען אַראָב. איבעראַל אין שטוב ליעגען אָנגעליגט פערשיעדענע אַלטווארג. דאָס זעהר ענגע און נידריגע צימער האָט אַ טהיר אין דיא הינטער־וואַנד, אין דעם „הויז" אַיין. אַנטקעגען דיעזע טהיר אין „הויז", שטעהט אַנאַנדער טהיר אָפען, דורך וועלכע עס זעהט זיך אן עהנליך צימער. דאָס הויז איז אויסגעפלאסטערט מיט שטיינער, איז אָבגעבלאקירט מיט צובראָכענע, האַלב איינגעפאלענע טרעפּ צום בוידעם צו. עס זעהט זיך אַ טהייל פון אַ באַליע. אויף אַ בענקעל אָרימע וועש, קבצנ'ישע שטוב־זאַכען שטעהען און ליגען אָנגעוואָרפען. דאס ליכט קומט פון דער לינקער זייט און בעליוכט אַלע דריי פלעצער.)

ד ע ר א ל ט ע ר ה י ל ז ע. (אַ שטאַרק־געבויטער מאַן מיט אַ גרויסער באָרד, אָבער זעהר איינגעפאַלען און איינגעבויגען פון אלטער, ארבייט, קראנקהייט און פערשיעדענע אַנדערע צרות. ער איז אן אויסגע־דינטער סאָלדאַט מיט נור איין האַנד, מיט אַ שפּיציגער נאָז, אַ בלאַס פּנים, ציטערענדיג. הויט און ביינער און אָדערען, מיט כאַראַקטעריסטישע איינ־געפאַלענע און קראנקע אויגען. — אויפהייבענדיג זיך, מיט דעם זוהן און דיא שנור, בעט ער.) מיר ווייסען דיר גאָר ניט וויא צו דאַנקען ליעבער גאָט, וואס דו האָסט אונז אויף דיא נאַכט בעשיטצט מיט דיין גנאָד און חסד... און האָסט זיך אויף אונז דערבאַרעמט, דאָס אויף דיא נאַכט איז אונז קיין בייז ניט געשעהן. גרויסער פאַטער, דיין חסד איז אַזוי גרויס, און מיר זיינען ארמע זינדיגע מענשען; מיר זיינען ניט ווערטה, דיין פּוס זאָל אונז צוטרעטען, אַזוי זינדיג און פערדאָרבען זיינען מיר. אָבער דו, טאַטע אין הימעל, ביסט בארמהערציג און ביסט אונז מוחל אונזערע זינד און נעהמסט אָן אונזערע תפלות אין דעם זכות פון דיא הייליגע אבות. און ווען אויך מיר זיינען אַמאָל ניט מקבל באהבה דיין שטראָף — ווייל עס איז אַמאָל צו שווער צו פערטראָגען — רעכען דאָס אונז ניט און זיי אונז מוחל אונזערע זינד. גיב אונז געדולד, פאָטער אין הימעל, דאָס מיר זאָלען נאָך אַלץ — דיזע ליידען זוכה זיין צו האָבען אַ חלק אין דיא לויטערקייט פון דיין שכינה, אמן.

מ ו ט ע ר ה י ל ז ע. (וועלכע איז געשטאַנען איינגעבויגען דיא גאַנצע צייט און זיך איינגעהערט מיט טרעהרען אין דיא אויגען). אָה, אַלטיטשקער, וויא שעהן דו זאָגסט דאָס, אַזעלכע שעהנע תפלות זאָגסט דו אימער.

ד ע ר א ל ט ע ר ה י ל ז ע. וואו איז דאָס מיידעל אהין געקומען?

ל א ו י ז ע. ז'איז אריבערגעלאָפען קיין פעטערסוואלד — צו דרייסיגר'ן, זיא האָט נעכטען ווידער אָנגעוויקעלט עטליכע מאַטקעס.

ד ע ר א ל ט ע ר ה י ל ז ע. (שרייט זעהר הויך) נו, מוטער, יעצט וועל איך דיר שטעלען דאָס רעדעל.

מ ו ט ע ר ה י ל ז ע. ברינג'ס, אַלטער, ברינג'ס.

ד ע ר א ל ט ע ר ה י ל ז ע. (שטעלט אוועק דאָס רעדעל פאר

זיך) זעהסט דו, איך וואָלט'ס זעהר גערן אוועקגענומען פון דיר....

מוטער הילזע. געה... געה... וואס וואלט איך געטאָן מיט אזוי פיעל ליידיגע צייט! ?

דער אלטער הילזע. איך וועל דיר אבווישען די פינגער, זאָלסט ניט פעט מאַכען דעם גאַרן — הערסט. (ער ווישט איהר אָב די פינגער מיט אַ שמאַטקע).

לאוויזע. (פון באַליע אוועק) ווען האָבען מיר דען געגעסען פעטעס ?

דער אלטער הילזע. אז מיר האָבען ניט קיין פעטס עסען מיר טרוקענע ברויט — אז מיר האָבען ניט קיין טרוקענע ברויט, עסען מיר קאַרטאָפעל — און אז מיר האָבען קיין קאַרטאָפעל אויך ניט, עסען מיר טרוקענע קלייען.

לאוויזע. (מיט אַ ביטערען הומאָר) און אז מיר האָבען ניט קיין שוואַרץ מעהל, טהון מיר וויא וועננלער אונטען. מיר געפינען אויס וואו דער היצעל האָט בעגראַבען א גע'פגר'ט פערד. מיר גראַבען עס אויס און מיר האָבען צו לעבען א פאָר וואָכען פון די נבלה — : אזוי טהון מיר ! ניט אמת ?

גאָטטליעב. (פון דעם הינטער צימער) וואס פלוידערסט דו, דאָרט, צום טייוועל ? !

דער אלטער הילזע. דוא זאָלסט נור ריידען מיט'ן טייוועל ! (ער געהט צו דעם וועב-שטוהל, רופט.) דו ווילסט מיר קיינמאָל ניט העלפען, גאָטטליעב — מען דאַרף דורכציהען עטליכע פעדעם.

לאוויזע. (פון די באַליע.) גאָטטליעב דערלאַנג דעם טאַטען.

(גאָטטליעב קומט. דער אלטער און זיין זוהן פאַנגען אָן די נודנע ארבייט, דורכצוציהען דורך די קאַם: פעדעם פון די פאַסמען ווערען געצויגען דורך די קאם אויף די וועב-שטוהל. זיי האָבען נור וואס אָנגעהויבען, קומט האָרניג אין „הויז" אריין.)

האָרניג. (אין דער טהיר) גאָט העלף ביי די ארבייט !

דער אלטער הילזע מיט'ן זוהן. א שעה-

נעם דאַנק, האָרניג! זאָג, איך בעט דיר, ווען שלאָפסט דו איי־גענטליך? ביי טאָג געהסטו האנדלען, ביי נאַכט געהסט דו היטען.

ה אָ ר נ י ג. מיך נעהמט גאָר קיין שלאָף ניט מעהר!

ל א ו י ז ע. וואס מאַכסט דו, האָרניג?

ד ע ר א ל ט ע ר ה י ז ע. וואס ברייגגסטו גוט'ס?

ה אָ ר נ י ג. שעהנע נייעס, מייסטער. דיא פעטערסוואַלטער האָבען זיך איינגעשטעלט, און האָבען דעם פאַבריקאַנט דרייסיגער מיט זיין גאַנצע פאַמיליע פערטריאָגט.

ל א ו י ז ע. (מיט אַביסעל אויפרעגונג) האָרניג זאָגט שוין ווידער ליגען אין דער וועלט אריין.

ה אָ ר נ י ג. דאָס מאָל ניט, יונגע פרוי! דאָס מאָל ניט.— שעהנע קינדער־פּאַרטוכלעך האָב איך אין וואָגען. ניין, ניין, איך זאָג דיא ריינע וואַהרהייט. זיי האָבען איהם פיין אַרויסגעיאָגט. נעכטען אין אָבענד איז ער געקומען קיין רייכענבאַך, אויף גאָטס מאַראַכע! האָבען זיי איהם אָבער דאָרט ניט געוואָלט האַלטען — אויס מורא פאַר דיא וועבער — האָט ער פלוצלונג ווידער געמוזט קיין שווייניטץ פאָהרען.—

ד ע ר א ל ט ע ר ה י ל ז ע. (ער נעהמט גאַנץ פאָרזיכטיג פּע־דעם און שטעקט זיי צו דעם קאָם צו, דער זוהן ציהט זיי פון דער אַנדער זייט דורך מיט אַ האָטשיק.) עס איז שוין צייט, דו זאָלסט אויפהערען. האָרניג!

ה אָ ר נ י ג. זאָל איך ניט דער לעבען אוועקצוגעהן פון דעם אָרט. נו, נו, יעדעס קינד ווייס דאָך שוין באַלד פון דעם.

ד ע ר א ל ט ע ר ה י ל ז ע. זאָג, איך בעט דיך, בין איך משוגע, אָדער ביסט דו משוגע?

ה אָ ר נ י ג. נו דאָס הייסט. וואס איך האָב דיר דאַ דער־צעהלט איז אזוי אמת, וויא נור אמן צו זאָגען. איך וואָלט דאָך ניט געגאַנגען זאָגען, ווען איך... און איך וואָלט ניט דערביי געשטאַנען, אָבער אזוי האָב איך עס דאָך געזעהען, מיט מיינע אייגענע אויגען, וויא איך זעה דיך אָט דאַ גאָטטליעב. חרוב געמאַכט האָבען זיי זיין הויז, פון דעם קעלער ביז צום דאַך. פון דיא אויבערשטע פענסטער האָבען זיי דאָס פאָרצעלאַן אַרויסגעוואָרפען. וויפיעל הונדערט שאָק

בארכענט האָבען זיי אין דעם טייך געווארפען ? אז דאָס וואסער האָט זיך אזוי פערהאַלטען. מעגסט מיר גלויבען אז דאָס וואסער וואס האָט זיך מיט געוואלד אריבערגעריסען איז געווען אין גאנצען בלאָ פון דעם אינדיגא וואס זיי האָבען דורך דיא פענסטער אריין געשאָטען. די הימעל־בלויע שטויב־וואָלקען האָבען זיך אזוי געשאָטען איינס נאָך ס׳אנדערע ! א שיינעם חורבן האָבען זיי אָנגעמאכט, און ניט נור אין זיין וואָהנונג... אין די פערבעריי... אין די שפייכלער...! דיא טרעפּ האָבען זיי צובראָכען, דיא פּאָדלאָגעס אויפגעריסען — דיא שפּיגעל צוטראָסקעט — סאָפעס און פאָטעלען, אלץ צוריסען און צושליסען, צושניטען און צושמיסען — צוטרעטען און צוהאַקט. —מעגסט מיר גלויבען, נאָך ערגער וויא אין א מלחמה.

דער אלטער הילזע. און דאָס האָבען געזאָלט זיין היגע וועבער ? (ער שאָקעלט לאנגזאם און אונגלויביג דעם קאָפּ. בייא דיא טהיר קומען זיך צוזאַממען נייגעריגע שכנים.)

הארניג. ווער דען ? איך קען דיר יעדען אנרופען מיט׳ן נאָמען, איך האָב געפיהרט א לאַנדראטה דורך דעם הויז. האָב איך גערעדט מיט פיעלע. זיי זיינען געווען גאנץ פריינדליך וויא אימער. זיי האָבען עס געמאַכט געלאסען, אָבער גרינדליך. דער לאַנדראטה האָט גערעדט מיט פיעל. און זיי זיינען געווען אזוי אונטערטהעניג וויא אלע מאָל, אבער אָבהאַלטען האָבען זיי זיך ניט געלאָזען. דאָס שענסטע מעבעל האָבען זיי צוהאַקט, גלייך וויא מען וואלט זיי בעצאָהלט דערפאר.

דער אלטער הילזע. דו האָסט געפיהרט א לאַנדראטה דורך׳ן הויז ?

הארניג. נו, איך וועל דאָך ניט האָבען קיין פּחד. איך בין דאָך בעקאַנט ביי דיא לייטע וויא א בייזער שילינג. איך ריים דאָך מיט קיינעם ניט איין. איך בין דאָך מיט אַלעמען גוט. געוויס, איך בין מיט איהם דורכגעגאַנגען, אזוי וואהר וויא מיין נאָמען איז הארניג, און איהר מעגט׳ס מיר דרייסט גלויבען — : מיר האָט׳ס גוט וועה געטאָן — און דעם לאַנדראטה, איך האָב׳ס איהם אָנגעזעהן, איהם האָט עס אויך אָנגענומען—ווארים פאר וואָס ? — מען האָט נאָך ניט געהערט קיין איינציגעס וואָרט, אזוי שטיל איז עס צוגע־

גאנגען. זעהר יום טוב'דיג איז איינעם געוואָרען אויף דעם הארץ, וויא דיא אָרמע הונגערליידער האָבען אמאָל געהאַט זייער נקמה—

ל א ו י ז ע. (פלאַצט ארויס מיט א ציטערנדיגע אויפרעגונג. רייבט זיך צוגלייך דיא אויגען מיט'ן פארטוך) א מצוה אויף זיי, ס'האָט געמוזט קומען צו דעם!

ש ט י מ מ ע ן פ ו ן ד י א ה ו י ז־ב ע ו ו אָ ה נ ע ר. „ביי אונז זיינען דאָ געגוג הויטשינדער". „אָט דאָ באלד דריבער וואוינט איינער". „ער האָט פיער פערד און זעקס קאַרעטען איז שטאָל און לאָזט דעריבער זיינע וועבער הונגערען".

ד ע ר א ל ט ע ר ה י ל ז ע. (עס קען זיך איהם אלץ ניט גלויבען) וויא אזוי האָט דאָס געקענט אזוי ארויסקומען, דאָרט דריבער?

ה א ר נ י ג. ווער וויים וואס? וואס וויים מען? איינער זאָגט אזוי, דער אַנדערער זאגט אזוי.

ד ע ר א ל ט ע ר ה י ל ז ע. וואס זאָגען זיי דען?

ה אָ ר נ י ג. נו, גאָט איז מיט דיר! דרייסיגער זאָל האָבען געזאָגט: דיא וועבער קענען פרעסען גראָז, ווען זיי זיינען הונגעריג. ווייטער וויים איך ניט.

(אַ בעוועגונג צווישען דיא הויז בעוואוינער, וועלכע דערציילען דאָס איינער דעם אַנדערען מיט סמנים פון אויפרעגונג.)

ד ע ר א ל ט ע ר ה י ל ז ע. הער מיך אוים, האָרניג, דו קענסט מיר זאָגען: פעטער הילזע, מאָרגען וועסט דו שטאַרבען. דאָס קען מעגליך זיין, וועל איך דיר ענטפערען — פאַר וואס דען ניט? — דו קענסט מיר זאָגען: פעטער הילזע, מאָרגען קומט צו דיר צו גאַסט דער פרייסישער קעניג — אָבער אז וועבער מענשען וויא איך און מיין זוהן — זאָלען האָבען געטאָן אזעלכע זאכען. און לעבען ניט! ניע אין לעבען וועל איך דאָס גלויבען.

מ י ע ל כ ע ן. (אַ היבשע, זיעבען יעהריגע מיידעל, מיט לאַנגע צופלאָסענע פלאַקסענע האָר מיט א קאָשעק אויף דער האַנד קומט אריינצושפרונגען. שטעקט דיא מוטער א זילבערנעם לעפעל אין דיא אויגען אריין) מאַמעלע, מאַמעלע! זעה דאָך וואס איך האָב! דו זאָלסט מיר דערפאַר קויפען א ניי קליידעל.

ל א ו י ז ע. וואס ביסט דו דאָס געקומען אזוי פערהאָרעוועט ? (מיט מעהר אויפרעגונג און פערוואונדערונג.) וואס האָסטו שוין ווידער געברייננגט צו שלעפען, זאָג. ביזט דאָך געקומען גאָר אָהן אטהעם, און דו האָסט נאָך אַלץ אין קאָשעק. וואָס זאָל דאָס הייסען, מיידעל ? [illegible]

ד ע ר א ל ט ע ר ה י ל ז ע. מיידעל, פון וואנען האָסט דו דעם לעפעל ?

ל א ו י ז ע. ז'האָט'ס אפשר געפונען.

ה אָ ר נ י ג. דאָס איז זיך ווערט זיינע צוויי, דריי טהאַלער.

ד ע ר א ל ט ע ר ה י ל ז ע. (אויסער זיך) ארויס,, מויד ! ארויס ! זאָלסט מיר שוין ארויסגעהן. ווערסט דו האָרכען אָדער זאָל איך דיך געהן שלאָגען ? ! און דעם לעפעל זאָלסט דו מיר אָבטראָגען פון וואנען דו האָסט איהם גענומען. ארויס ! ווילסט אונז אַלע מאַכען פאַר גנבים ? כ'וועל'ס פון דיר ארויסשלאָגען. (ער זוכט עטוואס צום שלאָגען)

מ י ל כ י ע ן. (האַלט זיך אָן אָן דיא מוטער'ס קלייד און וויינט) זיידעלע, שלאָג מיך ניט — מיר האָבען'ס — דאָך גע—פונ־נען. דיא — אנדערע — קינדער —האָבען—דאָך—אַלע—אויך.

ל א ו י ז ע. (מיט מורא און אויפרעגונג) נו, זעהסט שוין, זיא האָט'ס געפונען. וואו האָסט'ס געפונען ?

מ י ע ל כ י ע ן. (שלאָכצענד) אין פעטערס — וואלד האָבען — מירס'גע — פונען, פאר דרייסיגער — הויז.

ד ע ר א ל ט ע ר ה י ל ז ע. נאָך דאָס איז מיר בעשערט, נו, מאַך שנעל, אז ניט וועל איך דיר ארויסהעלפען.

מ ו ט ע ר ה י ל ז ע. וואס טהוט זיך'ס דאָרט ?

ה אָ ר נ י ג. איך וויל אייך עטוואס זאָגען, פעטער הילזע. זאָל גאָטטליעב נעמען אויף זיך דעם ראָק און זאל ער געהן אין פאָליציי מיט'ן לעפעל.

ג אָ ט ט ל י ע ב. (טהוט זיך אָן, אין איילעניש) און איך וועל געהן אין דיא קאַנצעלאריע און זיי זאָגען : זיי זאָלען דאָס ניט נעהמען פאראיבעל, וואס ווייס אזא קינד, זיא האָט דאָך נאָך ניט

דעם פערשטאַנד דערפון און דאָ האָב איך געבראַכט דעם לעפעל,
הער דאָך אויף צו וויינען.

(דיא מוטער פיהרט דאָס וויינענדיגע קינד אין דעם הינטער צי־
מער, וועלכען זיא פערשליסט. זיא אַליין קומט צוריק.)

ה אָ ר נ י ג. דער לעפעל איז זיך ווערט זיינע דריי טהאלער.

ג אָ ט ט ל י ע ב. גיב אַ טיכעל, לאָוויזע, עס זאָל ניט
קאַליע ווערען. נו, נו, אַזאַ טהייערע זאַך. (עס שטעלען זיך איהם
טרערען אין דיא אויגען, ווען ער וויקעלט איין דעם לעפעל.)

ל א ו י ז ע. ווען מיר וואָלטען דאָס געהאַט, וואָלטען מיר
געקענט לעבען פיעלע וואָכען.

ד ע ר א ל ט ע ר ה י ל ז ע. יא, יא, בעקלאָג זיך נאָך,
בעקלאָג זיך וויפיעל דו קאָנסט! דאָס איז אַ שעהנע זאַך! דאָס
פעהלט מיר פונקט צום רומעל. זעה, מיר זאָלען זיך פטר'ן פון
דעם פערשאָלטענעם לעפעל.

(גאָטטליעב געהט אַוועק מיט'ן לעפעל.)

ה אָ ר נ י ג. נו, איך מוז זיך אויך זעהן אָבצוטראָגען. (ער
געהט, רעדט נאָך אַ ביסעל אין הויז, און געהט אַוועק.

ד אָ ק ט אָ ר ש מ י ט. (אַ קוילעכיג מענשעל, שנעל וויא
אַ קוועקזילבער, מיט אַ וויניג־רויט כיטרע פּנים, קומט אריין אין
„הויז") גוט מאָרגען מענשען! נאַ, דאָס איז מיר אַ שעהנע היס־
טאָריע. איהר זאָלט זיך נור דערוועגען צו קומען! (סטראַשעט מיט'
פינגער) איהר האָט זיך גוט אָנגעמאַכט (אין דער טהיר, ניט אַריינ־
קומענדיג אין שטוב) גוט מאָרגען, פעטער הילזע! (צו אַ פרוי אין
„הויז") נו, אידענע, וויא איז מיט אייער געשוויר? בעסער, וואָס?
זעהט איהר שוין. פעטער הילזע, איך מוז האָך אַ מאָל זעהן וואָס
ס'הערט זיך ביי אייך. וואָס צום טייוועל, איז דאָרט דיא אידענע?

ל א ו י ז ע. דיא אויגען זיינען איהר פערטריקענט, הערר
דאָקטאָר, זיא זעהט שוין גאָר ניט מעהר.

ד אָ ק ט אָ ר ש מ י ט. דאָס קומט פון שטויב און פון
נאַכט ארבייט. נו, זאָגט קענט איהר דאָס ערקלערען? גאַנץ פּע־
טערסוואָלד איז אויף דיא פיס. איך זעץ מיך היינט אין דער פריה
אין מיין וועגעל אריין, ס'חלומט מיך ניט פון קיין בייז, נאָך ניט

א האַר. פלוצלונג הער איך גאָר וואונדער. וואָס צו אַלדע טייוועל איז מיט דיא מענשען געוואָרען, הילזע? וויטהען וויא א סטאַדע וועלף, מאַכען א רעוואָלוציאָן, בונטעווען זיך; שטעלען זיך אַקעגען דיא רעגיערונג, פּלינדערען און ראַבעווען... מיעלכיען! וואו איז מיעלכיען? (מיעלכיען, נאָך רויט פון וויינען, ווערט אַריינגעשלעפּט פון דער מוטער) נא, מיעלכען, שטעק אַריין דיא האַנד אין מיין קעשענע. (מיעלכען טהוט עס) דיא פּעפּערניסלעך זיינען פאַר דיר. נא, נאַ! ניט אַלע אויף א מאָל. דו שטיפּערקע! פריהער זינגען! פוקס דאָ האָסט דו... נו? פוקס דאָ האָסט דו... גאַנז... וואַרט נאָר דו, וואָס דו האָסט אָנגעמאַכט. דו האָסט דיא פייגעל אויפ׳ן גלח׳ס פּאַרקען געקופּען שטענגעלשייסער, און זיי האָבען אויף דיר אָנגע׳מסר׳ט אין קאַנטאָר. נא, נו זאָג, וואָס א מענש איז. פּופּצעהן הונדערט מענשען זיינען אויפ׳ן וועג (ס׳הערט זיך קלינגען, פון ווייט) הערט דאָך! פופצעהן הונדערט מענשען. דיא וועלט געהט איינפאַך אונטער. שרעקליך!

ד ע ר אַ ל ט ע ר ה י ל ז ע. קומען זיי דאָס טאַקע אַריבער קיין בילעווא?

ד אָ ק ט אָ ר ש מ י ט. געווים, געווים. איך בין דאָך דורכגעפאָהרען אין מיטען דיא גאַנצע באַנדע. מיר האָט זיך געוואָלט אַראָבגעהן און יעדען פערשרייבען א פּראָשיק! זיי שטופּען זיך איינער נאָך׳ן אַנדערען און פערפיהרען א געזינגעריי, אַז ס׳קערט זיך אַזש איבער אין בויך, אַז ס׳נעמט אַזש אָן צו ברעכען. מיין פרידריך, אויף דיא קאָזלעס, האָט זיך געשטיקט וויא אַן אַלטע אידענע. מיר האָבען זיך באַלד געמוזט קויפען א שטאַרק ביטערניש; איך וואָלט ניט וועלען זיין קיין פּאַבריקאַנט, ווען איך זאָל אפילו באַלד קענען פאָהרען אויף גומענע רעדער. (זינגען פון דערווייטענס.) האָרכט זיך איין! גלייך מע וואָלט געפּויקט מיט א ביין אויף אַן אַלטען צופּלאַצטען טאָפּ. קינדער, אין פינף מינוטען אַרום וועלען מיר זיי דאָ האָבען. זייט געזונד. בעגעהט ניט קיין נאַרישקייטען. מיליטער קומט באַלד אָן. בלייבט ביים פערשטאַנד. דיא פּעטערסוואַלדער האָבען דעם פערשטאַנד פערלאָרען. (ס׳הערט זיך קלינגען פון דער נאָהענט) אָט קלינגען שוין אונזערע גלאָקען אויך,

דיא לייט מוזען דאָך זיין גאַנץ משוגע. (ער געהט ארויף אויף דעם ערשטען שטאָק).

גאָטליעב. (קומט צוריק. קען קוים כאַפּען דעם אָטהעם, נאָך אין „הויז") איך האָב זיי געזעהען, איך האָב זייא געזעהען (צו אַ פרוי אין „הויז") זיי זיינען דאָ, מומע, זיי זיינען דאָ! (אין דער טהיר) זיי זיינען דאָ, טאַטע, זיי זיינען דאָ! זיי האָבען גרויסע פאַל־קעס, ווידלעם און העק. זיי שטעהען שוין ביי דיטריכען און מאכען אַ ליארם, איך גלויב מען צאָהלט זיי אוים געלד, אַ, גאָט, וואס וועט נאָך דאָ ווערען? איך קען ניט איינזעהען. אזוי פיעל מענשען! וועז דיעזע וועלען זיך נאָך אָנלויפען — פערפאַלען, פערפאַלען, דאז וועט עס זיין שלעכט מיט אונזערע פאַבריקאַנטען.

דער אַלטער הילזע. וואס ביזט דו אזוי געלאָפען? דו וועסט אזוי לאַנג שרייען, ביז דו וועסט צוריק קריגען דיין אַלטע קרענק, ביז דו וועסט ווידער אַמאָל ליעגען אויפ'ן רוקען אין ס'וועט מיט דיר וואַרפען.

גאָטליעב. (האַלב אויפגערעגט און האַלב צופריעדען) איך מוז דאָך לויפען, אז ניט וואָלטען זיי דאָך מיך פערהאַלטען. זיי האָבען שוין אַלע געשריען: איך זאָל אויך צו לייגען אַ האַנד. מיין טויף־פאַטער באַומערט איז דאָך דערביי געוועזען. ער מאַכט צו מיר: קריג דיר עפּעס אַ'ן עמער, דו ביסט דאָך אויך אַ'ן אָרעמער הונגער־ליידער. ער זאָגט נאָך: זאָג'ס דעם טאַטען... איך זאָל איהם זאָגען, טאַטע, דו זאָלסט קומען און העלפען דיא פאַבריקאַנטען אָבצאָהלען פאַר זייער הויטשינדעריי. (לייַדענשאַפטליך) ס'קומט יעצט אַנדערע צייטען, מאַכט ער. יעצט וועט'ס גאָר אַנדערש ווערען מיט דיא וועבער. מיר זאָלען אַלע קומען און העלפען דאָס דורכפיהרען. מיר וועלען יעצט אַלע אונזער שטיקעל פלייש אין אַ זאָנטאָג האָבען, און אויף אַ יום טוב װאָרשט מיט קרויט. ס'וועט גאָר ווערען אַנאַנדער מעשה, מאַכט ער צו מיר.

דער אַלטער הילזע. (מיט אַ פערשטיקטע אויפ־רעגונג) און דאָס איז דיין טויף פאַטער? און ער הייסט דיך אַנ־טהייל נעמען אין אַזעלכע פערברעכערישע זאַכען? לאָז דיך ניט

אריין אין אַזעלכע זאכען, גאָטטליעב. דאָ שטעקט דער טייוועל אין
דעם. דאָס איז דעם שטן'ס ארבייט.

ל א ו י ז ע. (איבערוועלטיגט פון אַ לײדענשאפטליכע אויפרעגונג) יא, יא, גאָטטליעב, דו בעהאלט זיך אונטער'ן אויווען, נעם דיר
אַ לעפעל אין דער האַנד אריין און אַ שיסעל מאַסלינקע צווישען דיא
קניע, טהו זיך אָן א רעקעל און זאָג תהלים. דאָס וועט געפעלען דעם
טאַטען — און דאָס וויל זיין א מאַן !

(אַ געלעכטער צווישען דיא לייט אין „הויז“)

ד ע ר א ל ט ע ר ה י ל ז ע. (טרייסעלט זיך פון אונטערדריקטען כעס) און דו ווילסט זיין אַ'ן אָרענטליכע פרוי ? לאָמיך דיר אַ
מאָל זאָגען. דו ווילסט זיין א מאַמע, און דו האָסט אַזאַ בייז מויל.
דו ווילסט דיין מיידעל געבען ערציהונג און דו העצט אויף דיין מאַן
צו פערברעכען און שענדליכקייט.

ל א ו י ז ע. (ווילד.) מיט אייערע פרומע ריידעלעך.... דאפון
איז מיר נאָך ניט אַמאָל א קינד זאַט געוואָרען. פון דעם זיינען זיי
אַלע פיער געלעגען אין מיסט און אין שמאָטעס. פון דעם ווערט ניט
אַמאָל אייז ווינדעלע טרוקען. איך וויל זיין א מאַמע, דאָס זאָלט איהר
וויסען ! און טאַקי צוליעב דעם, דאָס זאָלט איהר וויסען, ווינש איך
א מגיפה זאָל קומען אויף אַלע פאַבריקאַנטען, זיי זאָלען קיין מאָל
פון גיהנם ניט ארויס. טאַקע, ווייל איך בין א מאַמע. — וויא דער
האַלט מען אַזאַ ווערמעל ? איך האָב ניט אויפגעהערט צו וויינען
פון דער מינוט, וואָס אַזאַ עופ'עלע איז געקומען אויף דער וועלט,
ביז דער טויט האָט זיך דארויף מרחם געווען. אייך האָט עס א סך
געאַרט. איהר האָט געבעטען און געזונגען צו גאָט, און איך האָב זיך
דיא פיס אָבגעהאַקט, אַז ס'איז אַזש בלוט גערונען, צו קריגען אַ קאַפּ
זויערע מילך. וויא פיעל הונדערט נעכט האָב איך זיך געבראָכען דעם
קאָפּ, כאָטש איין מאָל צו ראַטעווען א קינד פון בית עולם. וואָס האָט
אַזאַ קינד געזינדיגט, הא ? ס'זאָל נעמען אַזאַ עלענדען סוף — און
דריבער ביי דיטריכען, ווערען זיי געבאָדען אין וויין און געוואַשען
אין מילך. נו, נו ! זאָל עס זיך נור דאָ אָנהייבען — צעהן פערד,
וועלען מיך ניט אָבהאַלטען. איך זאָג אייך : שטירמען זיי דיטריך'ס
הויז — געה איך דיא ערשטע. און אַז אַך און אַז וויה צו דעם, וואָס

וויל מיך אָבהאַלטען. — איך האָב שוין גענוג געהאַט דאַפון.

דער אַלטער הילזע. דו ביזט שוין גאָר אַ פער־פאַלענע, דיר איז שוין ניט צו העלפען.

לאוויזע. (אַזש ווילד) איך איז ניט צו העלפען. טרוסען זייט איהר. אָנעטציעס, ניט קיין מענער, פאַסקודניאַקעס, צוקראַכע־נע בריות, וואָס אַנטלויפען פאַר דעם געשריי פון קינדער. קערל, וואָס „דאַנקען שעהן", אַז מען ברעכט זיי גוט אָן דיא ביינער. זיי האָבען איך שוין אַזוי אויס געצוויגען דיא אָדערען, אַז איהר קענט שוין אפילו ניט רויט ווערען. אַ בייטש דאַרף מען צו איך נעהמען אריין צו האַקען אַביסעל מאַרך אין אייערע צופוילטע ביינער. (שנעל אַב.)

(אַ פערלעגענהייטס פּאוזע)

מוטער הילזע. וואָס איז דאָרט מיט ליזל'ען?

דער אַלטער הילזע. גאָר נישט, וואָס זאָל דען זיין?

מוטער הילזע. זאָג מיר, אַלטעטשקער, צו דאַכט'ס זיך מיר נור אַזוי, אָדער קלינגען טאַקע דיא גלאָקען?

דער אַלטער הילזע. מע וועט איינעם בעגראַבען.

מוטער הילזע. און מיט מיר וויל עס גאָר קיין סוף ניט נעהמען. פאַר וואָס שטאַרב איך ניט, מאַן?

(פּאוזע)

דער אַלטער הילזע. (לאָזט ליגען דיא ארבייט שטעלט זיך אויף און זאָגט פייערליך.) גאָטליעב! — דיין ווייב האָט אונז אַזעלכע זאַכען געזאָגט.... גאָטליעב, קוק זיך צו (ער צושפּיללעט זיין האַרץ) דאָ איז געזעסען אַ קויל, אַזוי גרויס וויא אַ פינגער־הוט. און וואו איך האָב מיין אָרם געלאָזען, דאָס וויים דער קעניג. די מייז האָבען איהם ניט אָפּגעגריזשעט (ער געהט הין און צוריק) דיין ווייב... ווען עס האָט זיך נאָך קיינעם ניט גע'חלום'ט פון איהר, האָב איך שוין פערגאָסען מיין בלוט קוואָרט־ווייז פאַר מיין פאַטערלאַנד. און דעריבער מעג זיא פלוידערען וויא פיעל איהר האַרץ געלוסט. — דאָס אַרט מיך ניט. דאָס איז אַ שום פּולווער ניט ווערטה.—מורא האָ־בען? איך וועל מורא האָבען? פאַר וועמען מורא האָבען? זאָג מיר כאָטש איין איינציגעס מאָל. פאַר דיא עטליכע סאָלדאַטען, וואָס וועלען אפשר קומען אונטער דיא

בונטאָווניקעס ? אָ, נאַרעלע ! דאָס וואָלט נאָך געווען א האַלבע צרה. ס'ברעכט מיר אפילו דער רוקען, דאָס איז אמת, אָבער ווען מען דאַרף האָב איך נאָך ביינער וויא העלפאנט ביין. איך וואָלט זיך נאָך אַ'ן עצה געגעבען מיט עטליכע לומפּיגע באַיאָנעטען — און ווען עס זאָל זיין שוין גאָר שלעכט — איז וואס ? !איך וואָלט זעהר גערן, נאָך צו גערן געגאנגען שלאָפען. שטאַרבען לאָז איך מיך ניט לאנג בעטען. בעסער' היינט איידער מאָרגען. נע, נעע. וואס איז ־ען ? וואס פערלאָזט מען דאָ ? דעם אַלטען צובראכענעם שאַרבען וועט מען דאָך ניט בעוויינען ? דאָס ביסעל שרעק און מאַטערניש וואס מען רופט דאָ לעבען, לאָזט מען שוין גערן איבער — אָבער נאָך דעם, גאָטטליעב ! נאָך דעם קומט עטוואס — און ווען מען פערשפּיעלט דאָס אויך — דאַן איז אַלץ פערלוירען.

ג אָ ט ט ל י ע ב. ווער וויים, וואס קומט נאָכ'ן טויט, גע־זעהען האָט'ס קיינער ניט.

ד ע ר א ל ט ע ר ה י ל ז ע. איך זאָג דיר, גאָטטליעב ; צווייפעל ניט אין דעם איין איינציגען וואס מיר אַרמע מענשען האָ־בען. פאַר וואס וואָלט איך דען דאָ געזעסען — און געקוועטשט דאָס בענקעל איבער פיערציג יאהר ? און רוהיג צו געזעהן וויא דאָ אַנטקעגען לעבען זיי אין וואויל טאָג — און שלאָגען גאָלד פון מיין הונגער און פון מיינע צרות. פאַר וואס דען ? ווייל איך האָב א האָפפנונג. איך האָב א טרייסט אין מיין נויט. (ווייזט דורך דעם פענסטער) דו האָסט דייז עולם הזה, און איך האָב יענע וועלט, האָב איך זיך געטראַכט. און איך האָב זיך געלאָזען ראַבעווען. — איך בין זיכער אין דעם, דאָס האָט מען אונז צוגעזאגט. ס'איז דאָ א משפט, אָבער ניט מיר זיינען דיא ריכטער, זאָנדערן, לי הנקמה, נקמה געהערט צו מיר, זאָגט גאָט, דער גרויסער גאָט.

א י י ז ש ט י מ מ ע. (פון דרויסען) וועבער ארויס !

ד ע ר אַ ל ט ע ר ה י ל ז ע. מיין דאגה — טהוט זיך וויא איך געפעלט. (ער געהט אויף דעם וועבשטוהל) מיך וועט איהר שוין מוזען דאָ לאָזען.

ג אָ ט ט ל י ע ב. (נאָך א קורצען קאַמפּף מיט זיך) איך וועל געהן אַרבייטען. מעג זיך טהון וואָס ס'וויל. (אב. מען הערט דאָס ווע־

בער־ליעד אין דיא נאָהענט געזונגען פון פיעלע הונדערטע שטימען. עס קלינגט וויא דומפּפע איינטעניגע קנות).

ש ט י מ ע ן פ ו ן ד י א ש כ נ י ם. (אין „הויז") „אָ, נאָך, נאָך, זיי שיטען זיך וויא דיא מוראשקעס". — „פון וואנען האָבען זיך גענומען אזוי פיעל וועבער ?" — „שטופּט זיך ניט, איך וויל אויך עפּעס זעהן". „זעה דיא לאנגע לאַטע, וואָס דער אין פאָרענט טראָגט" אָך ! אָך ! „זיי שיטען זיך אונאויפהער !"

ה אָ ר נ י ג. (קומט צווישען דיא לייט אין „הויז") דאָס איז דאָך א ריינער טעאטער. אזעלכעס זעהט מען ניט אלע טאָג. איהר האָט געדאַרפט ארויף געהן צו דעם אויבערשטען דיטריך'ן. דאָרט האָבען זיי אָנגעמאכט א חתונה, אז ס'איז דאָ וואָס צו זעהען. ער האָט שוין ניט קיין הויז, מעהר, קיין פאבריק מעהר, — קיין וויין קעלער מעהר, קיין גאָר נישט מעהר. דיא פלאשען האָבען זיי אויסגעזאָפען... זיי האָבען אפילו ניט געהאט קיין צייט אויפצושטאָפען. איינס, צוויי, דריי, און דיא העלזער זיינען אראפּגעפלויגען, צו זיי האָבען זיך צושניטען דאָס מויל מיט דיא שארבענס, צו ניט. איינינגע לויפען ארום צובלוטיגטע וויא דיא חזרים. — נו, וועלען זיי זיך נעמען צו דעם היגען דיטריך אויך.

(דער מאסענגעזאַנג איז שטיל געווארען)

ש ט י מ מ ע ן פ ו ן ד י א ה ו י ז ב ע ו ו אָ ה נ ע ר. זיי זעהן גאָר ניט אויס אזוי בייז.

ה אָ ר נ י ג. לאָזט נור צופריעדען ! קוקט צו דאָס גרייטע ! איצט בעטראכטען זיי ערשט גוט, וואָס זיי האָבען צו טאָן. זעהט ווי זיי קוקען ארום דעם פּאלאץ פון אלע זייטען. איהר זעהט דאָרט דעם קליינעם, דעם דיקען — ער האָט מיט זיך א'ן עמער. דאָס איז א שמיעד פון פעטערסוואלד, א גאנץ געפערלאך מענשעל. ברעכט אייך דיא דיקסטע טיהר, וויא מען צוברעכט א בייגעל,— אויף דעם מעגט איהר זיך פערלאָזען. ווען א פאבריקאנט פאלט צו איהם אין דיא הענד אריין, נו, מעג ער שוין גומל בענשען.

ש ט י מ מ ע ן פ ו ן ד י א ה ו י ז ב ע ו ו אָ ה נ ע ר. „אָט האָסטו". „א שטיין אין אריין געפלויגען איז פענסטער". „דער אלטער דיטריך ציטערט שוין !" „ער הענגט ארום א טאבליצע !"

„ער הענגט אַרויס אַ טאַבליצע !“ „וואָס שטעהט דאַרויף ?“ „קענסטו ניט לעזען ?“ „נו, לעזט דאָך איבער !“ „איהר — זאָלט — אַלע — בעפרי — דיגט — ווערען, איהר־זאָלט־אַלע־בעפרידיגט־ווערען.“

ה אָ ר נ י ג. דאָס האָט ער געקענט לאָזען אונטערוועגענס. ס'וועט ניט העלפען אַ האָר. די בריעדער האָבען זיך זייער אייגענעם וועג. זיי געהט'ס אין דער פאַבריק. די מאַשינען ווילען זיי אויס־ראָטען פון דער וועלט. די מאַשינען זיינען דאָך דאָס, וואָס ליגט די וועבער אין דר'ערד אריין : דאָס קען דאָך אַ בלינדער זעהן. נעע, נעע ! די לייטע האָבען זיך גענומען דאַצו. זיי וועט קיין לאַנדראַטה און קיין פערוואַלטער ניט ברייגגען צום שכל. און אַ טאַבליצע שוין געווים ניט. ווער ס'האָט זיי געזעהען בעל־הבית'עווען, — דער ווייס וואָס ס'מיינט.

ש ט י מ מ ע ן פ ו ן ד י א ה ו י ז ב ע ו ו אָ ה נ ע ר. „מענשען מענשען, דאָס זיינען מענשען !“ — וואָס ווילען זיי דען ?“ — (האַסטיג) „זיי קומען דאָך אַריבער די בריק !“ (מיט שרעק) „זיי קומען אפשר אויף די אַנדערע זייט ?“ (אין איבערראַשונג און שרעק) „זיי קומען צו אונז, זיי קומען צו אונז“ „זיי שלעפּען די וועבער אַרויס פון די הייזער“. (אַלע אַנטלויפען. דאָס „הויז“ איז ליידיג. אַ פערשמוצטע, פערשטויבטע מאַססע, מיט רויטע געזיכטער פון שנאַפּס און אנשטרענגונג, וויסט, ניט אויסגעשלאָפען און אָבגעריסען, שטופען זיך אריין אין „הויז“ מיט דעם געשריי : וועבער אַרויס ! דאַן צושפּרייטען זיי זיך איבער די צימערען. אין דעם צימער פון דעם אַלטען הילזע קומען אַריין : בעקער און איניגע יונגע וועבער מיט פאַקעלס און דרענגער אין די הענד. ווען זיי דערקענען דעם אַלטען הילזע, ווערען זיי אַביסעל צומישט און אָבגעקיהלט.)

ב ע ק ע ר. פעטער הילזע. הערט אויף אייער ארבייט. זאָל דער דרוקען דאָס בענקעל, ווער ס'האָט חשק. איהר דאַרפט זיך ניט מעהר אַזוי אָנשטרענגען. מיר וועלען שוין דאַפיר זאָרגען.

ע ר ש ט ע ר י ו נ ג ע ר וו ע ב ע ר. איהר זאָלט זיך ניט מעהר לייגען שלאָפען הונגעריגערהייט.

צ וו י י ט ע ר י ו נ ג ע ר וו ע ב ע ר. יעדער וועבער זאָל ווידער קריגען אַ דאַך איבער'ן קאָפּ און אַ העמד אויפ'ן לייב.

דער אלטער הילזע. פון וואנען ברייננט אייך דער טייוועל מיט העק און דרענגער ?

בעקער. מיר וועלען זיי צוברעכען אויף דיטריך'ס פּלייצע.

צווייטער יונגער וועבער. מיר וועלען זיי אַנגליהען און דיא פאבריקאַנטען דעם האַלדז פערשטאָפּען, זאָלען זיי אויך וויסען, וויא הונגער ברענט.

דריטער יונגער וועבער. קומט מיט, פעטער הילזע ! מיר געבען קיין פּאַרדאָן !

צווייטער יונגער וועבער. אויף אונז האָט קיינער קיין רחמנות ניט געהאַט. ניט גאָט און ניט קיין מענש. יעצט פערשאַפען מיר זיך אַליין גערעכטיגקייט.

דער אלטער באומערט. (קומט אריין שוין א ביסעל אונזיכער אויף דיא פיס. אין דיא האנד טראגט ער א געקוילעטען האָהן. ער שטרעקט אויס זיינע ארמס.) ברידער — מיר זיינען אַלע ברידער ! קומט, לאָמיך אייך צודריקען צום האַרץ, ברידער !

(געלעכטער)

דער אלטער הילזע. דו זעהס'ט אזוי אויס, ווילהעלם ?

דער אלטער באומערט. גוסטאוו, דו ? גוסטאוו, ארמער הונגערליידער, קום צו מיין האַרץ. (געריהרט).

דער אלטער הילזע. (ברומט) לאָז מיך צורוה.

דער אלטער באומערט. אזוי איז עס גוסטאוו. גליק מוז א מענש האָבען. גוסטאוו, ווארף נור א'ן אויג אויף מיר. וויא זעה איך אויס ? גליק מוז א מענש האָבען ! זעה איך ניט אויס וויא א גראַף ? (ער פאטשט זיך אויף דעם בויך) טרעף, וואס דאָ ליעגט אין דעם בויך ? פּריצישע מאכלים ליעגט אין דעם בויך. גליק מוז דער מענש האָבען, קריגט ער שוין שאמפּאַניער און א געברא־טענס פון האָזען — — איך וועל אייך וואס זאגען : מיר זיינען בע־גאנגען א נארישקייט... מע דארף מעהר נעמען.

אללע (צוזאמען) מע דארף מעהר נעהמען, הורראַ !

דער אלטער באומערט. און אז מען האָט דעם

ערשטענ גוטענ ביסען אראב געשלונגען. שפירט מען עס טאקע באלד אין דיא ביינער. האָ, האָ, מען קריגט אין זיך אריין א כוח פון א'ן אָקס. דער כוח צוגיעסט זיך איז אַלע גליעדער און ער טרייבט אַזוי שטאַרק, אַז מען בעמערקט שוין גאָר ניט וויא מען האקט. ס'געהט וויא געשמירט.

י ע ג ע ר. (אין דער טיהר, בעוואפענט מיט א'ן אַלטע קאוואַלע־ריסקע שווערד.) מיר האָבען געמאכט עטליכע פיינע אַטאַקען.

ב ע ק ע ר. מיר האָבען דאָס זיך גוט אויסגעלערענט. איינס, צוויי, דריי, און מיר שטעהען שוין אין מיטען שטוב. נאָכדעם געהט עס שוין וויא א העליש פייער. אַלס פלאצט און ציטערט, אַז עס פליהען אַזש פונקען וויא פון א קוימען.

ע ר ש ט ע ר י ו נ ג ע ר ו ו ע ב ע ר. מיר דארפען גאָר מאַכען א קליין פייערעל.

צ ו ו י י ט ע ר י ו נ ג ע ר ו ו ע ב ע ר. לאָמיר געהן נאָך רייכענבאך און דאָרט אָנצינדען דיא הייזער פון דיא גבירים אי־בער זייערע קעפּ.

י ע ג ע ר. דאָס וואלט ניט געטויגט. פון דעם וואָלטען זייא געקריגען פערזיכערונגס־געלד. (געלעכטער).

ב ע ק ע ר. פון דאנען געהן מיר קיין פרייבורג צו טראַנטראַן.

י ע ג ע ר. מע דאַרף זיך גאָר נעהמען צו דיא טשינאָווני־קעס, פון דיא לייטע קומט אונזער גאַנצער אומגליק, איך האָב עס געלעזען.

צ ו ו י י ט ע ר י ו נ ג ע ר ו ו ע ב ע ר. מיר ציהען באַלד קיין ברעסלוי, מיר קריגען דאך וואס אמאָל מעהר צו.

ד ע ר א ל ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. (צו הילזע) גוסטאוו, טרינק דאָך!

ד ע ר א ל ט ע ר ה י ל ז ע. איך טרינק קיין מאָל ניט קיין בראָנפּען.

ד ע ר א ל ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. דאָס איז געווען אין דער אַלטער וועלט, היינט לעבען מיר אין א נייע וועלט, גוסטאוו!

ע ר ש ט ע ר י ו נ ג ע ר ו ו ע ב ע ר. ניט אַלע טאָג איז יום טוב. (געלעכטער).

ד ע ר א ל ט ע ר ה י ל ז ע. (אונגעדולדיג) צו אלדע שווארץ יאָהר, וואס ווילט איהר ביי מיר האָבען ?

ד ע ר א ל ט ע ר ב א ו מ ע ר ט. (אַביסעל צומישט, זעהר פריינדליך) זעהסט, איך האָב דיר געוואלט ברייננען א הוהן, זאָלסט מאַכען אַביסעל גוטע סוף פאר דיין אלטיטשקע.

ד ע ר א ל ט ע ר ה י ל ז ע. (געריהרט, האלב פריידליך) געה זאָג דאָס דער אלטער.

מ ו ט ע ר ה י ל ז ע. (דיא האַנד ביים אויער, האָט זיא מיט אַנשטרענגונג געכאַפּט עטליכע ווערטער. ווערהרט זיך מיט דיא הענד.) לאָזט מיך צורוה איך האָב ניט ליעב קיין היהנער זופ.

ד ע ר א ל ט ע ר ה י ל ז ע. האָסט רעכט, אלטע, איך אויך ניט, אין אזא זופ אודאי אין א ודאי ניט. און דיר, באומערט! דיר וויל איך זאָגען איין וואָרט, ווען דיא אלטע פלוידערען וויא קליי־נע קינדער, שטעהט דער טייוועל אויפ'ן קאָפּ פאר שמחה, און דאָס זאָלט איהר ווינסען ! און דאָס זאלט איהר אלע וויסען : איך און איהר, זיינען מיר ניט קיין מחותנים, מיט מיין ווילען זייט איהר ניט דאָ, פון רעכט און גערעכטיגקייטס וועגען, האָט איהר דאָ גאָר ניט וואס צו זוכען !

ש ט י מ מ ע. ווער ס'איז ניט מיט אונז, דער איז געגען אונז.

י ע ג ע ר. (סטראַשעט ברוטאַל) דו ביסט גאָר ווייט פערקראָ־כען, מיר אַלע זיינען מיר ניט קיין גנבים, זאָלסט דאָס וויסען.

ש ט י מ מ ע. מיר זיינען הונגעריג, ווייטער גאָר נישט.

ע ר ש ט ע ר י ו נ ג ע ר ו ע ב ע ר. מיר ווילען לעבען און ווייטער נישט, דאַדורך האָבען מיר דורכגעשניטען דעם שטריק אויף וועלכען מיר הענגען.

י ע ג ע ר. און דאָס איז געווען גאַנץ גערעכט. (שטעקט זיין פויסט צו דעם אַלטען'ס געזיכט) זאָג נאָך איין וואָרט, וועל איך דיר געבען א רייב — אין דעם ציפערבלאַט אריין.

ב ע ק ע ר. זייט רוהיג, זייט רוהיג, לאָז דעם אַלטען צו רוה.

—פעטער הילזע : מיר דענקען אזוי : איידער אָנצוהייבען נאָך אַמאָל אזא לעבען, איז שוין בעסער דער טויט.

דער אַלטער הילזע. האָב איך דען ניט אָבגעלעבט מעהר וויא זעכציג יאָהר?

בעקער. דאס איז אַלץ איינס, ס'מוז אנדערש ווערען.

דער אלטער הילזע. ניט ביי דיין לעבען.

בעקער. אז מיר קענען ניט קריגען מיט גוטען, נעמען מיר מיט געוואלט.

דער אלטער הילזע. מיט געוואלט? (לאַכט) לאָזט זיך שוין בעסער דאָ בעגראבען. זיי וועלען אייך ווייזען וואו דיא גע וואלט שטעקט. ווארט נור אביסעל מיינע וואוילע יונגען!

יעגער. וואס, אפשר מיט סאָלדאטען? נישקשה, מיר זיינען אויך געוועזען סאָלדאטען. מיט עטליכע ראַטעס וועלען מיר זיך שוין אַן עצה געבען.

דער אלטער הילזע. מיט'ן מויל, יאָ, דאָס גלויב איך, און ווען שוין גאָר: איהר יאגט ארוים צוויי, קומען אריין צעהן אנדערע.

שטיממען. (דורכ'ן פענסטער) מיליטער קומט. היט זיך! (אַלע ווערען פלוצלונג פערשטומט. מען הערט פאַר אַ מינוט אַ שוואַך פויקען און טרומייטערען. אין מיטען שטיל שווייגען אַ קורצער און ניט־ווילענדיגער געשריי:) „געוואלד! איך מאַך פיס!“ (אַלגעמיינער געלעכטער.)

בעקער. ווער רעדט פון אנטלויפען? ווער איז דאָס געוועזען?

יעגער. ווער האָט דאָ מורא פאַר אַ פּאָר לומפּיגע פּיקעל־הויבען? איך וועל אייך קאָמאַנדירען. איך בין געוועזען ביים מיליטער. איך פערשטיי זיך אויף דעם שווינדעל.

דער אלטער הילזע. מיט וואס ווילט איהר דען שיסען? מיט בעזעמער, הא?

ערשטער יונגער וועבער. לאָזט אָב דעם אלטען, ער איז שוין גאָר אַ'ן עובר בטל.

צווייטער יונגער וועבער. ס'פעלט איהם אַ קלעפּקע אין קאָפּ.

גאָטליעב. (איז אונבעמערקט צוגעקומען צו דיא אויפ־שטענדיגע, כאַפּט אַן דעם ריידער) אזוי שאַנעוועסט דו אַ'ן אַלטען מאַן?

ערשטער יונגער וועבער. לאז מיך צורוה, איך האב קיין שלעכטס ניט געזאגט.

דער אלטער הילזע. (מישט זיך אריין) לאז ער פלוידערען. לאז איהם אב, גאטטליעב. ער וועט באלד איינזעהען, וועמען עס מישט זיך אין קאפ, מיר אדער איהם.

בעקער. געהסט מיט אונז גאטטליעב?

דער אלטער הילזע. איהר מעגט לאנג ווארטען.

לואיזע. (קומט אין „הויז", שרייט אריין) באלעמוטשעט ליעבער ניט. פערלירט ניט קיין צייט מיט דיזע תהלים־זאגער. קומט אויף'ן פלאטץ! אויף'ן פלאטץ קומט. דער מאיאר רעדט מיט די לייטע פון פערד ארונטער, זיי זאלען אהיים געהן. ווען איהר קומט ניט שנעל, האבען מיר פערשפיעלט.

יעגער. (אבגעהענדיג) האסט א שעהנעם, העלדישען מאן.

לאויזע. וואו האב איך א מאן? איך האב ניט קיין מאן! (אין „הויז" זינגען איניגע).

דער אלטער וויטטיג. (איז געקומען פון דעם אויבערשטען שטאק מיט א'ן עמער אין האנד. ער וויל ארויס, בלייבט א סעקונדע אין „הויז" שטעהן.) קומט מיט, ווער ס'וויל ניט זיין קיין הונד. הורראה! (ער פליהט ארויס. א גרופפע צווישען זיי, ליזע און יעגער געהן איהם נאך מיט „הורראה!)

בעקער. זייט געזונד, פעטער הילזע, מיר וועלען זיך נאך זעהן. (וויל אבגעהן.)

דער אלטער הילזע. איך גלויב עס קוים. פינף יאהר וועל איך שוין ניט לעבען און דו וועסט פריהער ניט ארויס־קומען.

בעקער. (בלייבט שטעהן פערוואונדערט) פון וואנען מיינט איהר, פעטער הילזע?

דער אלטער הילזע. פון תפיסה, פון וואנען דען?

בעקער. (צולאכט זיך ווילד) דאס וואלט מיך אסור געארט. דארט קריגט מען כאטש ברויט צום זאט עסען, פעטער הילזע! (אב).

דער אלטער באומערט. (וועלכער איז געזעסען אויף א בענקעל, טיעף פערטראכט און שטומפזיניג, שטעהט אויף) ס'איז

אמת, גוסטאוו, איך האָב אַ'ן איבריגען זופּ געטהאָן, איך בין פון דעסטוועגען נאָך גאַנץ קלאָר אין קאָפּ — אָט דאָ.. דו האָסט דיר דיין מיינונג איבער דעם, און איך האָב מיין מיינונג. איך זאָג: בעקער האָט רעכט. אַ סוף זאָל עס נעהמען — אין קייטען צו אין שטריק; — אין תפיסה איז אַ סך בעסער וויא אין דער היים. דאָרט איז מען פערזאָרגט; דאָרט דאַרף מען ניט אויסדאַרען. מיר האָט זיך זעהר ניט געוואָלט דאָס אַלעס מיטמאַכען. אבער זעה דאָך, גוסטאַוו, אַ מענש מוז דאָך אַמאָל קענען פריי אָטהעמען. (לאַנגזאָם צו דער טהיר.) זיי געזונד, גוסטאַוו. זאָל וואָס עס איז פּאַרקומען, זאָג אַ קאַפּיטעל תהלים פאַר מיר אויך! (אב).

(פון דיא אויפשטענדיגע איז שוין קיינער ניט אויף דער סצענע. דאָס „הויז" ווערט ביסלאַכווייז ווידער אָנגעפּיללט מיט נייגיעריגע שכנים. דער אַלטער הילזע בינדט עטוואס אַרום דעם וועבשטוהל. גאָטט־ליעב האָט אפּירגענומען אַ האַק פון אונטער'ן אויווען און פּרובירט בע־שטום אבער זעהר בעוועגט. פון דרויסען הערט זיך דאָס שומען און געשרייען פון אַ גרויסע מאַססע.)

מוטער הילזע. זאָג דאָך מיר, מאַן. דיא פּאָדלאָגע ציטערט דאָך אַזוי — וואָס טהוט זיך דאָ? וואָס וועט דאָ זיין?

(פּאָוזע).

דער אַלטער הילזע. גאָטטליעב!

גאָטטליעב. וואָס איז דען?

דער אַלטער הילזע. דו זאָלסט מיר אוועקלייגען דיא האַק.

גאָטטליעב. ווער וועט צוהאַקען דאָס האָלץ. (ער שפּאַרט אָן דיא האַק אָן דעם אויווען).

(פּאָוזע.)

מוטער הילזע. גאָטטליעב, הער דאָך וואָס דער טאַטע זאָגט דיר.

(שטיממען, זינגען אונטער'ן פענסטער.)

קליינער מאַן, בלייב אין דר'היים

הע, יוכט שי!

מאַך שיסעל און טעלער רייז

הע, דידעל דידעל, דים דים דים. (פערביי).

גאָטליעב (שפּרינגט צו צום פענסטער מיט אַ'ן אַנגעשטעלטע פויסט.) הינד, מאַכט מיך ניט ווילד!

(עס הערט זיך אַ שאָס.)

מוטער הילזע. (איז זעהר דערשראָקען) אַ, ליעבער גאָט, ס'דונערט שוין ווידער?

דער אַלטער הילזע. (פערלייגט דיא הענד ניט ווילענדיג) ליעבער גאָט אין הימעל! בעשיץ דיא אָרמע וועבער, בעשיץ מיינע אָרמע ברידער!

(עס ווערט שטיל אויף א ווײַלע.)

דער אַלטער הילזע. (צו זיך, זעהר אויפגערודערט) יעצט פליסט בלוט.

גאָטליעב. (איז אויפגעשפּרונגען אין דער מינוט וואָס דער שאָס איז געפאַלען, ער האַלט דיא האַק פעסט אין דער האַנד, אַנגעצונדען, קען זיך קוים בעהערשען פון טיעפער אויפרעגונג) זאָל מען זיך אפשר יעצט נאָך קושען?

איין וועבערמיידעל. (פון „הויז" אין צימער אריין) פעטער הילזע, פעטער הילזע, געהט אוועק פון'ם פענסטער. ביי אונז אויבען אין דעם אויבערשטיבעל איז א קויל אריינגעפלויגען דורך'ן פענסטער. (פערשווינדט.)

מיעלכען. (שטעקט איהר לאַכענדיגען קאָפּ אריין דורכ'ן פענסטער.) זיידעלע, זיידעלע, זיי האָבען געשאָסען מיט ביקסען. עטליכע זיינען געפאַלען. איינער האָט זיך אזוי געדרייט ארום און ארום וויא א רעדעל, איינער האָט זיך אזוי געצאַפּעלט וויא א שפּערלינג, ווען מען דרייט איהם אראָב דאָס קעפּעל. אָה, אָה, און אזוי פיעל בלוט האָט זיך געגאָסען—! (זיא פערשווינדט.)

א וועבערפרוי. עטליכע האָבען זיי דער'הרג'עט אויף טויט.

איין אַלטער וועבער. (אין "הויז„) זעהט, זיי יאָגען דאָס מיליטער.

איין צווייטער וועבער. (אָהן אטהעם.) זעהט

נור, זעהט דיא ווייבער, זעהט דיא ווייבער! וויא זיי האַלטען הויך דיא קליידלאַך, וויא זיי שפּייען אויף דיא סאָלדאַטען.

איין וועבער פרוי. (רופט אַריין) גאָטליעב. זעה נור דיין ווייב, זיא האָט מעהר קוראַזש פון דיר. זיא שפּרינגט אַרום דיא ביקסען וויא זיא וואָלט געטאַנצט פאַר מוזיק. (פיער מענער טראָגען אַ פערוואונדעטען דורכ'ן הויז. שטיל. מען הערט דייטליך אַ שטימע זאָגען) ס'איז דער וועבער אולריך.

דיא שטיממע. (נאָך עטליכע סעקונדען נאָך אַ מאָל) ער וועט אודאי פערמאַכען מיט אַ'ן אויג. ער האָט געקריגען אַ קויל אין אויער אַריין (מען הערט דיא מענער אַרויף געהן אויף הילצערנע טרעפּ. פלוצלונג אין דרויסען) הורראַה, הורראַה!

שטיממען אין הויז. „וואו האָבען זיי גענומען אַזוי פיעל שטיינער?“ „פון שאָסעע“. „יעצט כאַפּען דיא סאָלדאַטען“. „ס'רעגענט מיט שטיינער“.

(אין דרויסען פערשפּרייט זיך דאָס פּחד־געשריי און דאָס ברומען אַזש ביז אין דער טהיר. דיא שכנים פערהאַקען דיא טהיר מיט אַ געשריי).

שטיממען אין הויז. „זיי לאָדען ווידער ביקסען“. „זיי וועלען באַלד ווידער שיסען“. „פעטער הילזע, געהט אַוועק פון'ם פענסטער“.

גאָטליעב. (לויפט נאָך דער האַק). וואָס, וואָס, וואָס! זיינען מיר משוגע'נע הינד! זאָלען מיר פרעסען פּולווער און בליי, אַנשטאַט ברויט? (צעגערט אַ מינוט מיט דיא האַק אין דער האַנד, צום אַלטען) זאָל מיר מיין ווייב דערשאָסען ווערען? קיין מאָל ניט! (אַרויסשפּרינגענדיג) היט זיך, יעצט קום איך! (אַב).

דער אַלטער הילזע. גאָטליעב, גאָטליעב!

מוטער הילזע. וואו איז דען גאָטליעב?

דער אַלטער הילזע. ביים טייוועל איז ער.

שטיממע פון הויז. געהט אַוועק פון פענסטער, פעטער הילזע.

דער אַלטער הילזע. איך ניט! און ווען איהר זאָלט אפילו אַלע פון זינען אַראָב (צו מוטער הילזע מיט התלהבות) דאָ האָט

מיך דער טאַטע איז הימעל אוועקגעשטעלט. ניט אמת, מוטער? דאָ בלייבען מיר שטעהן און טהאָן אונזער שולדיגקייט, ווען אפילו דיא גאַנצע וועלט זאָל אונטערגעהן. (ער נעהמט זיך וועבען).

(ס'איז געפאַלען אַ שאָס. געטראָפען צו טויט פון אַ קויל הייבט זיך דער אַלטער הילזע אויף און פאַלט מיט'ן פנים אויף'ן וועבשטוהל. צו דערזעלבער צייט פערשטאַרקט זיך דאָס הויז־געשריי. מיט הורראַה לויפען דיא לייטע, וועלכע זיינען ביז יעצט געשטאַנען אין „הויז" אויך אַרויס. דיא אַלטע פרוי פרעגט עטליכע מאָל: אַלטער, אַלטער, וואָס איז דאָ געשעהן? דאָס הורראַהגעשריי דערוויטערט זיך אַלץ מעהר. פלוצלונג קומט מילכיען האַסטיג אַריין צו לויפען אין צימער).

מ י ל כ י ע ן. זיידעלע, זיידעלע, זיי האָבען דיא סאָלדאַטען אַרויסגעטריעבען פון דאָרף, זיי האָבען געשטורמט דיעטריך'ס הויז. זיי מאַכען פונקט וויא דריבער ביי דרייסיגער. זיידעלע (דאָס קינד דערשרעקט זיך, ווערט אויפמערקזאַם, שטעקט דעם פינגער אין מויל אַריין און געהט פאָרזיכטיג צו צום טויטען). זיידעלע?

מ ו ט ע ר ה י ל ז ע. נו, נעם שוין ווירקליך און רייד אַ וואָרט. ס'קען דאָך ווירקליך איינעם אויסגעהן דיא כחות פאַר שרעק.

ע נ ד ע.